מ. קרינסקי.

ערציהונג.

פינף קאפיטליך איבער דער ערציהונג
פון יידישע קינדער.

פרייז 20 קאפ׳.

1908.

פערלאג
„ביכער-פאר-אלע",
ווארשע, דלוגע 11.

דרוק פון „האור",
ווארשע,
דלוגע 11.

Donated By

The Family of

Esther & Wolf Snyder

THE UNIVERSITY OF MICHIGAN · LIBRARIES ·
THE UNIVERSITY OF MICHIGAN
1817

Krinski, M. (Magnus), 1863-1916.

מ. קרינסקי.

Ertsiung.

עֶרְצִיהוּנְג.

פִינְף קַאפִּיטְלֶעך איבּער דֶער עֶרְצִיהוּנְג
פוּן יִדִישֶׁע קִינְדֶער.

פערלאג „ביכער-פאר-אלע“, וואַרשע, דלוגע 11.

ווארשע. — תרס"ח.

דרוק פון „האור“, דלוגע 11.

ВОСПИТАНІЕ.

Пять главъ о воспитаніи еврейскихъ дѣтей.

Соч. **М. Кринскій.**

Изданіе „Бихеръ-Фаръ-Алэ“, Долгая 11.

Типографія М. Кринскаго, Варшава, Долгая № 11.

1908.

GRAD
LC
715
.K75
19[illegible]

GL
Sipe/Snyder
10-3-95

אינהאלטס-פערצייכניס.

1 וואָס איז אַזוינס ערציהונג, און ווי אַזוי ווערען אונזערע קינדער ערצויגען? . . . . 5—13

2 וואו ווערען אונזערע קינדער ערצויגען? . . . . . . 14—26

3 ווי אַזוי קענען מיר פערבעסערען די ערציהונג? . . . 27—33

4 צי קאָנען מיר גרינדען אַן׳אַלגעמיינע קהל׳שע שולע? . 34—43

5 וואָס פאַר אַ שולען דאַרפען מיר בויען? . . . . . . 44—51

1.

וואָס איז אַזוינס ערציהונג, און ווי אַזוי ווערען אונזערע קינדער ערצויגען.

דער מענש, וועלכער פערשפרייט זיין ממשלה איבער דער גאַנצער וועלט און פערוואַנדעלט ימים אין יבשה און יבשה אין ימים, בערג אין טהאָלען און טהאָלען אין בערג; דער מענש, וועלכער בעזיעגט די גרעסטע און שטאַרקסטע חיות פון דער וועלט, פערניכטעט זיי און פערוואַנדעלט זיי פאַר עביגע קנעכט פאַר זיך, — ווערט געבאָרען פיעל שוואַכער אי קערפערליך אי גייסטיג פון אַלע בעשעפענישען, אויף וועלכע ער געוועלטיגט.

די קאַרב שטעלט זיך אויף די פיס באַלד ווי זי ווערט געבאָרען, בעוועגט זיך און פערשטעהט זאָגאַר באַלד אַליין אָבצוזוכען דער מוטערס ברוסט צום זויגען. און דער מענש, דער בחיר-היצורים׳ניק, קומט אויף דער וועלט גאָר אָהן קרעפטען און אָהן פערשטאַנד, ווי אַזוי זיך אַליין מיט עטוואָס צו העלפען.

לאַנג, לאַנג דויערט, ביז דאָס קינד הייבט אָן צושטעהן אויף די פיס, צו בעוועגען זעלבסטשטענדיג זיין קערפער, דאָס הייסט, ביז עס ענטוויקלען זיך זיינע פיזישע קרעפטען; אָבער נאָך לענגער דויערט, ביז עס ענטוויקלען זיך דעם מענשענס גייסטיגע פעהיגקייטען.

די פעהיגקייטען פון די חיות און בהמות ענטוויקלען זיך פון זיך זעלבסט, אָהן זייטיגע הילף; דערפאַר אָבער בלייבען זיי שטענדיג בעגרענצט, דאָס הייסט, נאָר אין דער פאָרם, ווי די נאַטור האָט זיי געשאַפען: דער אָקס, למשל, וועט קיינמאָל ניט פליהען אין דער לופטען, וועט ניט איבעריאָגען דעם הירש און וועט ניט גובר זיין דעם לייב, ווייל די נאַטור האָט איהם ניט געשענקט קיין

פֿליגלען ווי דעם פֿויגעל, קיין לייכטע פֿיס ווי דעם הירש, אויך נישט אזוי פֿיעל גבורה ווי דעם לייב.

די פֿעהיגקייטען פֿון מענשען, סיי די פֿיזישע סיי די גייסטיגע, ווערען ענטוויקעלט נאר דורך זייטיגע הילף, דערפֿאר אבער קענען זיי דערגרייכען די העכסטע מדרגה פֿון ענטוויקלונג. דער מענש קען זיך קינסטלעריש איינשאפֿען זאגאר אזעלכע אייגענשאפֿטען, וואס די נאטור האט איהם ניט געגעבען. מיט דער הילף פֿונ'ם לופֿט-באלאן פֿליהט דער מענש אין דער לופֿטען העכער פֿאר'ן אדלער, חאטש קיין פֿליגלען האט ער נישט; מיט דער הילף פֿון לאקאמאטיוו לויפֿט ער שנעלער פֿאר'ן הירש, און מיט'ן ביקס איז ער גובר דעם לייב.

די הילף, וואס די עלטערען און די גאנצע סביבה שטעלען צו דעם קינד פֿון דעם ערשטען טאג, וואס עס ערשיינט אויף דער וועלט, צו דער ענטוויקלונג פֿון זיינע קערפּערליכע און גייסטיגע פֿעהיגקייטען, די דאזיגע הילף ווערט אנגערופֿען ערציהונג.

ניט אלע מענשען ווערען געבארען מיט איינע און די זעלבע פֿיזישע קרעפֿטען און גייסטיגע פֿעהיגקייטען. איין קינד ווערט געבארען קרעפֿטיג, דאס צווייטע שוואכער און דאס דריטע נאך שוואכער; איין קינד ווערט געבארען מיט זעהר גרויסע גייסטיגע פֿעהיגקייטען, דאס צווייטע שוואכער און דאס דריטע נאך שוואכער. די ענטוויקלונג פֿון די פֿיזישע און גייסטיגע פֿעהיגקייטען זענען אבער מעהר אבהענגליך פֿון דער פֿפֿלעגע, וואס דאס קינד בעקומט, ווי פֿון דער אנגעבארענהייט. געוויס איז לייכטער צו קרעפֿטיגען דעם קערפּער פֿון א געזונד-געבארענעם קינד און צו ענטוויקלען די גייסטיגע פֿעהיגקייטען פֿון דעם נאטור-בעגאבטען קינד. אבער אין דער פּראקטיק זעהען מיר גאנץ אפֿט גרויסע פֿערענדערונגען: דורך קרעפֿטיגע און רעגעלמעסיגע נאהרונג, פֿרישע לופֿט און אפֿטע בעדער ווערט דאס שוואכגעבארענעם קינד געזונד און שטארק, און צוליעב שלעכטע בעדינגונגען וואקסט דאגעגען אויס דאס שטארקסטע קינד א

קאַליעקע, אַ קראַנקער, אַ צרה'דיגער אויף עביג. פונקט אַזוי פּאַסירט עס מיט דער ענטוויקלונג פון די גייסטיגע פעהיגקייטען פון קינד, וועלכע נויטיגען זיך אויך אין קרעפטיגע און רעגעלמעסיגע נאַהרונג, און טאַקי גלייך פון ערשטען טאָג ווי דאָס קינד ווערט געבאָרען. דורך אַ ריכטיגע אויפפּאַסונג ווערען די שוואַכע פעהיגקייטען שטאַרק, און פערקעהרט דורך נישט ריכטיגע בעהאַנדלונגען קאָנען די שטאַרקסטע שוואַך און שטומפּיג ווערען.

וואָס הייסט אַ ריכטיגע אָדער ניט ריכטיגע אויפפּאַסונג אין גייסטיגען זין, דאָס לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט ערקלערען. בכלל איז די גייסטיגע ערציהונג אַזוי פערצווייגט, אַזוי פערשיעדענאַרטיג, אַז עס איז כמעט גאָר אונמעגליך צוזאַמענצושטעלען געוויסע כללים אויף דעם געביעט. דאָס, ייאָס איז גוט און ניצליך פאַר איינעם, קאָן זיין שרעכט און שעדליך פאַר'ן צווייטען, אָדער נאָך מעהר דאָס, וואָס איז זעהר ניצליך פאַר איינעם און דעם זעלבען אין דעם יעצטיגען מאָמענט, קען פאַר איהם שעדליך זיין אין אַ צווייטען מאָמענט ביי אַנדערע בעדינגונגען. אַפילו וואָס הייסט אַ ריכטיגע, געזונדע און רעגעלמעסיגע קערפּערליכע כפ׳עגע, ייאָס דאָס איז דאָך אַ גשמיות, מען זעהט עס מיט די אויגען, און מען קאָן באַלד זעהן די ווירקונג פון דער אָדער יענער נאַהרונג, — דאָך איז נישט אַלע מאָל יעדען בעקאַנט; גאַנץ אָפט קומט פאָר אַ נייטיגקייט צו בענוצען זיך מיט דעם ראַטה פון אַ דאָקטאָר, דאָס הייסט, אַ געלערענטען פאַכמאַן, וועגען די אַנגעלעגענהייטען פון דער קערפּערליכער פפלעגע פון קינד. נאָך שווערער איז צו וויסען וואָס הייסט ריכטיגע און רעגעלמעסיגע גייסטיגע פפלעגע, ווייל דאַ האָט מען שוין צו טהון מיט רוחניות, וואָס ניט יעדער קען עס פערשטעהן, דערצו בעווייזען זיך די פאָלגען פון דער ריכטיגער און ניט ריכטיגער גייסטיגער פפלעגע ערשט אין אַ געוויסע צייט שפּעטער, ווען דאָס קינד וואַקסט אויס.

ליידער אָבער זענען נאָך נישט געקומען אונזערע עלטערען,

מיר מיינען, יידישע עלטערען, צו דער מדרגה זיי זאָלען אמווייניג־סטען וויסען, אז זיי „וויסען גאָרניט" וואָס איז אזוינס ערציהונג און ווי אזוי מען דאַרף ענטוויקלען דעם גייסט פון קינד. דעריבער זעהען מיר נישט, אז יידישע עלטערען, וועלכע פאַרשפּעטיגען ניט אַ מינוט צו רופען אַ דאָקטאָר צו זייער קינד, ווען עס ווערט עטוואָס שוואַך פיזיש, זאָלען זיך אַמאָל ווענדען צו אַ פאַכמאַן וועגען דער גייסטיגער פּפלעגע פון זייער קינד, און גאַנץ אָפט פערדאַרבען די עלטערען אליין, דורך זייער אונוויסענהייט, דעם גייסט פון זייער קינד אויף עביג.

ווי ווייט יידישע עלטערען בעהאַנדלען נישט ריכטיג זייערע קינדער אין גייסטיגען זין קען בעשטעטיגען פאָלגענדער פאַקט: מיר וועלען קיינמאָל נישט זעהן, אז אפילו די נאַרישסטע מוטער זאָל צווינגען איהר האַלביעהריגעם קינד, למשל, איינפּעסען אַ פונטער פלייש מיט אַ צוויי פונטלעך ברויט און פערטרינקען מיט אַפּאָר גלאָז ביער, כדי איהר קינד זאָל ווערען פיזיש שנעל ענטוויקעלט... זי ווייסט, אז דאָס איז פאַר דער צייט און צופיעל; זי ווייסט אז אזא נאַהרונג וועט דעם קינד ניט נאָר ניט ברענגען קיין נוצען, נאָר פיעל שאָדען. זי ווייסט אז דורך אַזאַ אומגעקומפּערטער נאַהרונג קען דאָס קינד גאָר אָבשטאַרבען, אָדער ביים בעסטען פאַל — זעהר לאַנג קרענקען און וועט ניט קאָנען פערדעהען די לייכטעסטע שפּייז. די קליגסטע עלטערען בעלעסטיגען אָבער זייערע קינדער פאַר דער צייט מיט שווערע למודים, ניט נאָך זייער אַלטער און קרעפטען, און מאַכען מיט דעם די קינדער פאַר קאַליעקעם אויפ'ן גאַנצען רעבען...

אַ מין חולשה, רחמנא ליצלן, עפּעס אַ בעזונדער שוועכע ליעגט איינגעוואָרצעלט ביי יידישע עלטערען צו שטאָפּען זייערע קינדער מיט תורה אָהן אַ שיעור און אָהן אַ מאָס. די שוועכע שפּיעגעלט זיך אָב ניט נאָר ביי די פאַרצייטיגע, אָרטאָדאָקסישע עלטערען, נאָר אויך ניט וועניגער ביי די זאָגענאַנטע „היינטיגע עלטע־

דען״. דער אונטערשיעד איז נאָר אין דעם, וואָס די אָרטאָדאָקסען
שטאָפּען זייערע קינדער איבער דער מאָס ספּעציעל מיט יידישע
למודים, און די הײַנטיגע, מיט וועלטליכע למודים, אָבער אַרע בע=
לעסטיגען די קינדער איבער די קרעפֿטען. די ערשטע ווילען זייע=
רע קינדער זאָלען באַלד ווערען רבנים, און די לעצטע ווילען־פֿער=
טיגע דאָקטוירים, אינזשעניערען און אַדוואָקאַטען... און זיי פֿערשטעהען
גאָרנישט די „טרײַע עלטערען״. אָדער זיי ווילען נישט און קאָנען
נישט פֿערשטעהן, אַז לערנען אַ קינד איז ריכטיג ווי פֿערזועהען אַ
פֿעלד, וועלכעס מען מוז מיסטיגען, אַקערען, באַראָנאָוען, זייען
און יעטען, אָבער וואַקסען מוז שוין פֿון זיך אַליין, אַרויסשרעפּען
מיט געוואַלד די געוויקסע פֿון דער ערד פֿאַר דער צײַט קאָן מען
ניט בשום אופֿן...

וויפֿיעל מאָר קומט אונז פֿאָר צו הערען, ווי עלטערען בעקלאָגען
זיך, אַז זייערע קינדער זענען פֿויל, ווילען נישט לערנען, ווילען ניט אַרבײַ=
טען, די עלטערען נעהמען טאַקי פֿאַר פֿערשיעדענע צוואַנג־מיטעל, וועל=
כע העלפֿען אָבער ליידער גאָרנישט. אין דער ווירקליכקײַט אָבער
גיבט עס גאָרנישט קײן פֿוילע קינדער! אַלע קינדער זענען פֿלײַסיג
און ווילען אַרבײַטען פֿיעל מעהר פֿאַר אונז ערוואַקסענע. דער גרעס=
טער בעווײַז איז דאָס, וואָס קײן קינד קען נישט זיצען אַ מינוט רוהיג
ליידיג אָהן אַרבײַט. די נאַטור, וועלכע האָט בעשטימט דעם מענ=
שען צו אַרבײַטען דעם גאַנצען לעבען, האָט שוין דערפֿאַר געזאָרגט
און האָט אַרײַנגעגעבען דעם מענשען אַ נייגונג צו אַרבײַט באַלד ווי
דאָס קינד הייבט אָן זעלבסטשטענדיג זיך צובעוועגען, און דעריבער
טאַקי האַלט עס שטענדיג אין איין לויפֿען, אין איין שפּרינגען און טאַנ=
צען. ווי נאָר דאָס קינד הייבט אָן צו רעדען, אַזוי הייבט עס אָן צו
פֿרעגען וועגען אַלע געגענשטאַנדען און ערשײַנונגען, וועלכע עס
זעהט, פֿון וואַנען זיי נעהמען זיך און וואָס איז זייער צוועק. אַזוי
זעהען מיר, אַז קינדער זענען געניינגט צו אַרבײַטען אי פֿיזיש אי
גײַסטיג גאָר אָהן אויפֿהער, קינדער אינטערעסירען זיך שטענדיג צו

עֶרפַאהרעֶן אַלֵיין, וואָס זיי איז נאָך נישט בעֶקאַנט. איז דאָך כאַקי אַ קשיא, פאַרוואָס זעֶנעֶן דאָס רוב קינדעֶר פויל צום לעֶרנעֶן?

דעֶר תּרוץ איז אייִנפאַך! מיר מאַכעֶן פויל די קינדעֶר דורך אונזעֶרעֶ שלעֶכטעֶ און ניט ריכטיגעֶ בעֶהאַנדלונגעֶן; דורך אונזעֶר אונוויסעֶנהייט ווי אַזוי אויסצונוצעֶן די אָנגעֶבאָרעֶנעֶ לוסט פון קינד און נייגונג צו אַרבייט.

לאָמיר נאָר בעֶטראַכטעֶן די עֶרשייִנונג: אַ האָלץ־העֶקעֶר קאָן שטעֶהן אַ גאַנצעֶן טאָג האַקעֶן האָלץ, חאָטש דאָס איז אַנ׳אַרבייט גאָרניט קיין לייכטעֶ. פרובירט אָבעֶר איהם פאָרלעֶגעֶן עֶר זאָל האַקעֶן מיט׳ן האַק אין אַנ׳אייזעֶן, וועֶט עֶר ניט קאָנעֶן און וועֶט מיעד ווערעֶן בייַ די עֶרשטעֶ עֶטליכעֶ מינוט. די סבה דעֶרפון איז דאָס, וואָס ביים האָלץ האַקעֶן זעֶהט דעֶר העֶקעֶר פאָרטשטריטעֶ אין זיין אַרבייט. אַ לאָז אַראָב די האַק, און עֶס לויפט אַרויס אַ שפאָן, אַ לאָז אַראָב די האַק, און דאָס האָלץ ווערט אַלץ מעֶהר איינגעֶהאַקט! אויך איז איהם בעֶוואוסט דעֶר צוועֶק פון זיין אַרבייט, און דאָס אַלץ עֶרלייכטעֶרט איהם זיין אַרבייט, שאַפט איהם מוטה און געֶדולד. אָבעֶר ווען עֶר קלאַפּט איבעֶר׳ן אייזעֶן גלאַט אין דעֶר ייעֶרט אַריין, און זעֶהט ניט קיין פאָרטשריט און ווייסט ניט צו ווּעֶלכעֶן צוועֶק עֶר אַרבייט, דאַן ווערט עֶר מיעד בייַ דעֶר עֶרשטעֶר מינוט און האָט ניט קיין געֶדולד פאָרטצוזעֶצעֶן זיין אַרבייט.

עֶרשט קאָנעֶן מיר פעֶרשטעֶהן, ווי אַזוי קאָנעֶן אונזעֶרעֶ קינדעֶר פלייסיג אַרבייטעֶן, ווען מיר גיבעֶן זיי פּלוצלונג אַהאַפּ (פונקט ווי די העֶהנעֶר־צו כפּרות שלאָגעֶן) און רייסעֶן זיי אָב פון זייעֶר שפּיעלעֶן, און שפּאַנעֶן זיי איין אין אַ יאָך פון למודים, אין וועֶלכעֶ זיי האָבעֶן ניט דעֶם מינדעֶסטעֶן בעֶגריף, און ווייסעֶן ניט צו וועֶלכעֶן צוועֶק זיי אַרבייטעֶן, צו וואָס די אַרבייט פיהרט, און די אַרבייט איז אַזוי פיעל, אַזוי לאַנג און ברייט, אָהן אַנ׳אָנהויב און אָהן אַסוף.

און ווי איז די אַרבייט גופא! אָנשטאָט דעֶם, וואָס מיר זאָלעֶן צושטעֶלעֶן דעֶם קינד אַזעֶלכעֶ אַרבייט און בעֶשעֶפטיגונג,

וואס איהם געפעלט, צווינגען מיר איהם צו בעשעפטיגען זיך מיט דעם וואס אונז געפעלט; אנשטאט צו ערקלערען דעם קינד אויף די פראגען, וועלכע אינטערעסירען איהם, צווינגען מיר איהם צו פערשטעהן דאס, וואס אינטערעסירט אונז. ווען דאס קינד אליין שטעלט אונז אמאל א פראגע, בעגעהען מיר זיך דאס רוב מיט דער אלטער תשובה: „אז דו וועסט אלץ וויסען, וועסטו גיך אלט ווערען”...

איז דען א וואונדער אז דאס קינד ווערט פיל נאך אזעלכע ניט ריכטיגע בעהאנדלונגען פון אונזער זייט? קאן דען דער מאגען פון קינד פערדעהען וועלכע ניט איז נאהרונג, נאכדעם ווי מען האט איהם פערדארבען מיט ניט קיין פרישע אדער איבערפליסיגע שפייז? אזוי קאן אויך דער מח פון קינד ניט מעהר פערדעהען קיין גייסטיגע נאהרונג, נאכדעם ווי מען האט איהם צו פיער בערעסטיגט און אבגעשוואכט מיט איבערפליסיגע ידיעות אדער מיט אזעלכע, וואס זענען ניט לויט זיין אלטער צוגעפאסט.

קאן דען העלפען דאס צווינגען? ניין! דאס צווינגען מאכט מעהר שאדען און פערריכטען קאן עס גארנישט. צווינגען צו ארבייט, ווען דאס קינד איז פויל, איז פונקט ווי מען זאל צווינגען דעם קראנקען צו עסען, ווען ער ברעכט... וועלען מיר דען ניט לאזען דעם קראנקען אביסעל אברוהען? ניט עסען און ניט טרינקען, שפעטער וועלען מיר איהם ערשט געבען לייכטע שפייזען, ביז ער וועט זיך ביסלעכווייז צוריק צוגעוואוינען צו פערטראגען עטוואס שווערערע נאהרונג? בעגעהען מיר זיך אויך אזוי מיט די גייסטיג-קראנקע דורך אונזער שולד-אבגעשוואכטע קינדער?...

לאמיר ווידער בעטראכטען די ערשיינונג. מיר וויסען אז דאס רוב קינדער ווערען געבארען מיט מיטעלע פעהיגקייטען, א קלענערער טייל ווערט געבארן מיט שוואכע פעהיגקייטען און גאר א קלייגער טייל פראכע, שטומפיגע ווי מיר רופען דאס אידיאטען. דערפאר אין גענענטייל איז די נאטור נאך ניט אזוי גאר שלעכט

און גיט אַרויס אַ געוויסען טייל מענשען מיט גאָר גרויסע פֿעהיגקייטען, מיט טאַלענטען און אויך אַ טייל מיט וואונדערבאַר גרויסע פֿעהיגקייטען, וואָס מיר רופֿען גאונים. מיר מעגען זיך פֿאָרשטעלען, אַז דער פּראָצענט-זאַץ פֿון די טאַלענטען און גאונים, וואָס די נאַטור גיט אַרויס, איז ניט קלענער פֿאַר דעם פּראָצענט-זאַץ פֿון די שטומפּיגע און ניט בעגאַבטע. מיט וואָס ערקלערט זיך דאָס, וואָס מיט אונפֿעהיגע שוויבעלט און גריבעלט אויף יעדער טריט, וואו מען זייעט זיי נישט — דאָרט וואַקסען זיי... און טאַלענטען און גאונים דאַרפֿען מיר זוכען מיט ליכט, וועלען מיר זיי אויך קוים געפֿינען אויף אַ רפואה איינעם אין אַ מדינה איינמאָל אין הונדערט יאָהר?

וואו און ווי אַזוי ווערען פֿערלאָרען די געבאָרענע גאונים?

דער תירוץ איז אַ פּראָסטער! אונזער פֿאַלשע ערציהונג, וועלכע איז אַזוי געאייגנעט צו דערשטיקען די אָנגעבאָרענע פֿעהיגקייטען און אויפֿשטעלען אַ האַרבע וועלט מיט פֿלאַכע מענשען, זאָגאַר פֿון די, וועלכע האָבען פֿון דער נאַטור קיין אַנלאַגען ניט געהאַט צו פֿלאַכקייט און שטומפּיגקייט, די זעלבע ערציהונג איז געוויס ניט אימשטאַנד אַרויסצובעקומען און ענטוויקלען דעם טאַלענט אָדער דעם גאון.

אָבער איצטיגע ערציהונג איז ניט ריכטיג ניט בלויז אין דער שולע (וועגען וועלכע מיר וועלען רעדען אויספֿיהרליך אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען). און ניט בלויז אין דעם עלטער, ווען דאָס קינד בעזוכט שוין אַ שולע, נאָר אויך צו הויזע, און זי הויבט זיך אָן נישט ריכטיג טאַקי באַלד אין די ערשטע וואָכען, ווי דאָס קינד ווערט געבאָרען.

נישט ווען מען דאַרף און ווי מען דאַרף בייזערען מיר זיך אויפֿ'ן קינד, נישט ווען מען דאַרף און ווי מען דאַרף לאַסקען מיר איהם; נישט ווען מען דאַרף און ווי מען דאַרף בעשטראָפֿען מיר דאָס קינד, נישט ווען מען דאַרף און ווי מען דאַרף בעלוינען מיר איהם!

מיר פערשטעהען זאָגאַר נישט ריכטיג צו בעשטימען די פעהיגקייטען און חאַראַקטער פון קינד. אַ גוטעס קינד הייסט ביי אונז אַזוינס, וואָס האַלט זיך רוהיג, סטאַטקעוועט, טשעפּעט ניט אַ פליעג אויף דער וואַנד; אַ מין תּם אָדער שאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל, רחמנאָ ליצלן, ווערט ביי אונז אַ חכם... האָבען מיר אָבער אַ קינד מיט אַ פעסטען חאַראַקטער, מיט פיעל ענערגיע, מיט אַנ׳אייגענעם ווילען, הייסט ער ביי אונז אַנ׳עקשן, אַ שטיפער, ניט קיין גוט קינד, און מיר נעהמען זיך באַלד צו דער אַרבייט און מיר הויבען איהם אָן אויסצובעסערען. און מיר רייסען אַרויס מיט געוואַלד אַלע גוטע איינגעשאַפטען, וואָס די נאַטור האָט איהם געשענקט, מיר דערשטיקען זיינע שטרעבונגען, זיין אונטערנעהמונגס=גייסט, זיין ענערגיע און פעסטען חאַראַקטער, וואָס איז אַ גרויסער שאַץ אין לעבען.

דערדאָרבען און ניעדערשלאָגען פון דער הוזליבער ערציהונג קומט אָן דאָס קינד אין אונזער ביז דער לעצטער מדרגה שלעכט איזעקגעשטעלטער שולע, וואו דאָס קינד ווערט מיט איינמאָל אין גאַנצען אָבגעריסען פון זיין זיסער קינדיש=פאַנטאַסטישער וועלט און ווערט אַריינגעפיהרט אין אַ נייער גאַנץ פרעמדער וועלט, אין אַ וועלט פון צרות, פּיין און ליידען; אין אַ וועלט פון ציוועקלאָזע, פערשטאַנדלאָזע מעכאַנישע אַרבייט; אין אַ וועלט, וואו עס גילט שֶׁקֶר, חֲנִיפָה, צְבִיעוּת און אַכְזָרִיוּת. דאָ פערענדיגט שוין דאָס קינד זיין קורס און געהט אַרויס מיט אַ דיפּלאָם אַלס פאָלשטענדיגער גייסטיג=מאָראַלישער קאַליעקע... פונקט ווי זיין טאַטע און אֲבוֹת אֲבוֹתָיו...

מוז דאָס טאַקי שוין ביי אונז אַזוי בלייבען אויף עביג? אפשר קאָנען מיר פאָרנעהמען מיטעל, ווי אַזוי אויסצובעסערען די לאַגע פון קינדפטיגען דור?

וועגען דעם אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען.

2.

וואו ווערען אונזערע קינדער ערצויגען.

אין פֿאָריגען קאַפּיטעל האָבען מיר אָנגעוויזען די פֿעהלערען, וואָס דאָס רוב עלטערען בעגעהען ביי דער ערציהונג פֿון זייערע קינדער דורך זייער אונוויסענהייט, וואָס איז אַזוינס אַ ריכטיגע און ניטריכטיגע ערציהונג.

ביי דער הויזליכער ערציהונג איז אָבער דאָ איינע זעהר אַ וויכטיגע זאַך, וואָס זי איז דער הויפּט יסוד, אויף וועלכען די גאַנצע ערציהונג שטיצט זיך, מיר מיינען: די ריינע ליעבע און הייסע איבערגעבענהייט פֿון די עלטערען צו'ם קינד. די ליעבע ווייזט גאַנץ אָפֿט אָן זאָגאַר די ניטערפֿאַרענע עלטערען דעם ריכטיגען וועג, ווי צו ערגרייכען זייער געווינשטען ציעל; די זעלבע ליעבע ווירקט וויעדער אויף די קינדער זיי זאָלען ווירקליך געהן אויף דעם וועג, וואָס די עלטערען בריינטען זיי פֿאָר און צו ערפֿילען דעם פֿערלאַנג פֿון זייערע עלטערען — ערציהער מיט'ן אייגענעם ווילען, ניט געצוואונגען, וואָס איז זעהר אַ וויכטיגע בעדינגונג אין דער ערציהונג.

די ריכטיגסטע און נאַטירליכסטע ערציהונג קאָנען טאַקי דעדיבער געבען דעם קינד זיינע אייגענע עלטערען, אויב נאָר זיי פֿערשטעהען ווי צו ערציהען, דאָס הייסט אויב זיי ווייסען, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט פֿאַר'ן קינד, און ווי אַזוי, מיט וואָס פֿאַר אַ מיטעל, מען קאָן דאָס קינד אַרויספֿיהרען אויפֿ'ן ריכטיגען וועג. די וויסענשאַפֿט איז אָבער אַ גאַנץ גרויסע לעהרע, פֿון וועלכע דאָס רוב עלטערען האָבען ניט, צו אונזער גרעסטען בעדויערען, דעם מינדעסטען בעגריף און דאַדורך ליידעט אַזוי שטאַרק די הויזליכע ערציהונג, ווי מיר האָבען וויעגען דעם אויספֿיהרליכער אַרומגערעדט אין פֿאָריגען קאַפּיטעל.

ווען מיר נעהמען אבער בעטראכטען די ערציהונג, וואס אונזערע קינדער בעקומען פון דער צייט אן, ווען זיי געהען אריבער פון די עלטערען צו זייערע לעהרער, חאפט אונז אן א שרעק! דאס רוב לעהרער, אויסער וואס זיי פעהלט פאבקענטניסע, פעהרט זיי נאך די נויטיגע ליעבע צו זייערע צייגלינגע, און אהן דעם מעג דער ערציהער זיין קלוג אפילו ווי שלמה המלך, ווערען איהם אלע זיינע חכמות ניט העלפען צו מאכען די ריכטיגע ווירקונג אויפ'ן קינד.

האבען דען אונזערע לעהרער־ערציהער די נויטיגע ליעבע צו זייערע צייגלינגע?

אויף דער פראגע מוזען מיר ליידער ענטפערען: ניין! די סבה דערפון זענען די ניטנארמאלע בעדינגונגען, ביי וועלכע אונזערע לעהרער זענען אויפגעשטעלט.

אט לאמיר בעטראכטען די אנשטאלטען, וואו אונזערע קינדער ווערען ערצויגען איסערן הויז וועלען מיר זעהן, צי די פארשטעהער פון דיעזע ערציהונגס־אנשטאלטען פערמאגען עטוואס ליעבע צו זייערע צייגלינגע, און צי מיר קאנען ערווארטען גוטערצויגענע מענשען מיט ריכטיג ענטוויקעלטע פעהיגקייטען דורך אזא ערציהונגס־ארט. דעם ערשטען ארט פערנעהמט געוויס דער „חדר", וואו דאס רוב יידישע קינדער פערברענגען די בעסטע קינדער־יאהרען, דעריבער ווערען מיר טאקי אנהויבען פון חדר. חדרים גיבט עס ביי אונז אין דער לעצטער צייט צוויי סארטען: די אלטמאדישע חדרים, וועלכע זענען די מעהרהייט, און די רעפארמירטע, זאגענאנטע חדרים מתוקנים, וועלכע זענען די מינדערהייט.

אזוי שילדערט אונז דעם אלטמאדישען חדר דער פאעט י. ל. גארדאן:

„דעם גאנצען פריהיאהר פון מיין לעבען
„האב איך אין חדר פערבראכט ביי'ם רבי'ן.
„דאס איז געוועזן א פריהלינג א שענער,
„וואס אין איטאליע איז ניטא אזוינער...

„די לופֿט איז פֿריש, דער ריח אַ מְחַיֶה;
„עופֿות און חיות אַ גאַנצע סטאַיע,
„יעדער שרייַט אויף זיין קול, מאַכט זיין הֲוָיָה:
„די ציג שרייַט „מעע”, די קאַץ מאַכט „מיאַאו”
„די גרילען קוויטשען אונטערן אויבען אין לאָך,
„די ווענד זענען פֿייַכט, מסתמא פֿון טוי,
„בעוואַקסען מיט שוועמלעך, בעדעקט מיט מאָך,
„אין מיטען שטוב, ביי אַ קליין טייַכעלע,
„דעם רבינ׳ס מיידעלע מיט׳ן נאַקעטען בייַכעלע,
„דורך אַ קליין פֿענסטערל בעקלעבט מיט פּאַפּיער,
„האָב איך געקוקט אויף די זון, און די זון אויף מיר.
„אָט אין דער שענער און פֿרייַער נאַטור
„זענען מיר די טעג פֿערגאַנגען ווי אויף אַ שנור,
„איין טאָג ווי דער אַנדערער, אַלץ אויף איין שטייגער,
„פֿון אין דער פֿריה ביז ביי נאַכט ניין אַ זייגער...

ניט אַנדערש שילדערט אונז דעם חדר דער בעריהמטער דיכ=
טער ש. פֿרוג:

„אָט איז אַ פּאַלאַץ... אָח, ווי שען,
ווי פּרעכטיג! ביין און סאַמעט,
זייַד, לעדער, בראָנזע, צעדער=האָלץ...
דאָ וואוינט אַ יידישער מלמד.
איהר לאַכט, רבותי?... ניין, וואַרט אויס —
ס׳איז גאָר ניטאָ וואָס צו לאַכען;
אָט וואַרט נאָר אויס — איך וועל אייַך באַלד
דעם חשבון גאַנץ פּאָדראָבנע מאַכען:
פֿון סאַמעט איז די יאַרמאָלקע —
זי גלענצט און שייַנט פֿון וויַיטענס;
די טייַטעל איז געמאַכט פֿון ביין,
דער גאַרטעל איז פֿון זייַדענס;

פֿון בראָנזע איז דער הענגלײַכטער,
דער קאַנטשוק איז פֿון לעדער,
דאָס בענקעלע, דאָס בענקעלע
איז אויסגעשניצט פֿון צעדער...
אַ וואַזשנע בעל־הבתישקייט! —
עס, טרינק און שלאָף און לעב אין פֿריעדען,
ווער ברייט און לאַנג, קלײַב נחת, קלײַב...
אָח, לעבען זאָלען טאַקי יידען!...
אַ לעהרער בײַ אַנ׳אַנדער פֿאָלק —
האָטש זאָל ער ווערען אויסגעצויגען —
ווערט דאָך אַ הונדערטטײל פֿון דעם
ניט זעהן אײביג אין די אויגען...
וואָס זעהט מען דאָרט בײַ איהם אין שטוב.
אַ פּוסטקע! וואָס איז דאָרט צו זעהן? —
פּאָרטרעטלעך הענגען אויף די וועגד
און לאַנגע בענק מיט טישען שטעהען;
מען הערט קײן קול ניט פֿון אַ קינד,
מען הערט קײן קול ניט פֿון דערוויטען,
און דאָ בײַ אונז? — עס זינגט, עס קלינגט,
עס קאָכט און זידט פֿון אַלע זײַטען:
די היהנער שמועסען וועגען הירזש,
דער האָהן שטודירט חזנות,
דער גאַנער דרשנ׳ט אויפ׳ן קול,
דער קאַטשער העלפֿט איהם מיט כּוָנות;
און טאַקי דאָ טהוט געהן אַ קול
אַ ווידער־קול פֿערחאַפּט דעם אָטהעם:
נו! נו! מיט חשק! לעבעדיג!
„ואלה המשפּטים"...
און אָט אַזעלכע חדרים עקזיסטירען נאָך לײדער בײַ אונז אין

אַלע שטעדט און שטעדטלעך ביז היינטיגען טאָג. מיר זענען אָבער געוואוינט פון אייביג אָן אַרויפצוואַרפען די גאַנצע שולד אויף די מלמדים. די מלמדים זענען שולדיג, וואָס זיי זענען עמי-הארצים, די מלמדים זענען שולדיג, וואָס זיי זענען אָרעמע לייט און פער-מאָגען ניט צו בויען פאַר זייערע חדרים ריכטיגע געביידען, לויט אַלע פאָדערונגען פון דער היגיעניע. אָבער ווער איז שולדיג אין דעם וואָס אונזערע מלמדים זענען עם-הארצים, צי ניט מיר אַליין, ווייל מיר האָבען דערלאָזען, אַז מלמדות זאָל זיין אַ הפקר-זאַך, אַז יעדער טויגעניכטס, יעדער לא יוצלח זאָל ווערען אַ מלמד און ערציהען אונזער קינדער? צי איז ניט אַמאָל די הויפט סבה פון די אַלע אונאָרדנונג, וואָס מיר געפינען ניט קיין גלייכען, אין דער הינזיכט, ביי אַלע אַנדערע פעלקער, נאָר די ניטנאָרמאַלע עקאָנאָ-מישע לאַגע פון דעם מלמד גופא? — די פראַגע פאַלט אונז גאָר קיינמאָל ניט איין.

נעהמענדיג אין אַכט, אַז דער לעהרער, אויסער דעם וואָס ער דאַרף קענען און ליבען זיין פאַך, מוז אין דער צייט, ווען ער לערענט מיט'ן קינד, זיך אַליין פערוואַנדלען אַלס קינד, און אַז אַזאַ פערוואַנדלונג פאָדערט פאָלשטענדיגע רוהיגקייט און אַבסאָלוטע זאָרגלאָזיגקייט, וועלען מיר זעהען, צו מיר קאָנען ביי די בעדינ-גונגען, ביי וועלכע דער מלמד איז ביי אונז אַוועקגעשטעלט, ער-וואַרטען מיר זאָלען אַמאָל האָבען גוטע מלמדים און ריכטיגע חדרים בכלל, און צי אַפילו די גוטע מלמדים, וועלכע האָבען זיך שוין די לעצטע צייט אָנגעהויבען בעווייזען אין אַ קליינער צאָהל, זענען אימשטאַנד ריכטיג אויספירען די שווערע מיסיע, וועלכע מיר לי-גען אויף זיי אַרויף. מיר וועלען דעריבער דאָ געניי בעטראַכטען די בעדינגונגען פונ'ם יידישען מלמד אין פערגלייך מיט די לעהרער פון אַנדערע פעלקער.

1) ביי כל אומה ולשון אַרבייט דער לעהרער אַלערהעכסטענס 6 שעה אין מעת-לעת — אין דער יידישער מלמד אַרבייט געוועהנליך

12 שעה אין מעת לעת. — פֿון 9 פֿריהמאָרגענס ביז 9 ביינאַכט. אויך די בעסערע מלמדים פֿון די חדרים מתוקנים, וועלכע האָבען דורך גרוים מיה איינגעפֿיהרט די לעהרע אין חדר נאָר ביז מיטאָג, זיינען געצוואונגען צו אַרבייטען ביז שפּעט ביינאַכט איף פּריוואַטע לעקציעס, ווייל זייערע חדרים גיבען זיי נישט גענוג צום לעבען.

ניט אַלע וויסען אָבער וואָס פֿאַר אַ שווערע אַרבייט איז די לעהרעריי אין פֿיזישען זין. רעריבער געפֿינען מיר פֿאַר נויטיג דאָס צו ערקלערען: דער ראש־השנה'דיגער מוסף דויערט פֿון צוויי ביז דריי שעה. אַלע פֿיהלען מיט דעם חזן, אַז ער האָט דאָ געטהון אַ שווערע עבודה. און וואָס בעשטעהט די עבודה? אין רעדען. דער חזן האָט אַ שטאַרקע שטימע־רעדט ער הויך; אָבער קיינער שטערט איהם ניט ווען ער רעדט, ער ווערט ניט איפּגערעגט רעדענדיג, איהם קימערט אויך נישט אויב נישט אַלע הערען איהם, דאָך ווערט ער גענוג מיעד, און קיינעם וועט ניט איינפֿאַלען צו מכבד זיין דעם חזן באַלד מיט אַ צווייטען מוסף, מיר פֿערלאַנגען נישט אַז דער זעלבער חזן זאָל דאַוונען אי שחרית אי מוסף, ווייל מיר פֿערשטעהען, אַז דאָס איז איבער די קרעפֿטען. און דער אָרימער לעהרער נעבאַך, ווען ער אַרבייט אין שולע בדיז 6 שעה, האָט ער שוין איינענטליך איבגעדאַווענט דריי ראש השנה'דיגע מוספים, און דעם לעהרערס עבודה איז פֿיעל שווערער פֿאַר דעם חזנ'ס, ווייל ער ווערט אין מיטען דער אַרבייט זעהר פֿיעל געשטערט און איפּגערעגט דורך די שילער. קאָן דען דער לעהרער ערנסט ענערגיש אַרבייטען, ווען ער איז געצוואונגען צו אַרבייטען איבער די קרעפֿטען גאַנצע 12 שעה אין מעת־לעת?...

2) ביי אַנדערע פֿעלקער איז דער לעהרער אפּאָר מאָנאַט אין יאָהר אין גאַנצען פֿריי פֿון אַרבייט, ער רוהט זיך אויס און קלייבט אָן פֿרישע קרעפֿטען צו זיין שווערע אַרבייט. דער יידישער לעהרער מוז נעבאַך אַרבייטען די גאַנצע 12 מאָנאַטען אין יאָהר אָהן אָברוה. טאָמער האָט ער צוויי וואָכען אין יאָהר יום טוב, ד. ה. פּסח און

סוכות, קען ער אויך ניט אָבּרוהען, ווייל ער מוז דאַמאָלס אַרומלויפען פון שטוב צו שטוב מאַכען און פערפעסטיגען דעם פינסטערען קנערונג. אויף אַזאַ אופן האָט ער ניט די מעגליכקייט צו אָבּרוהען אפילו צוויי וואָכען אין יאָהר און רוהיג פערברענגען דעם יום טוב אין דער געזעלשאַפט פון זיין פאַמיליע, גוטע פריינד און בעקאַנטע. פיעל מלמדים קענען ניט רוהען אַפילו שבת, ווייל דאַן זענען זיי געצוואונגען צו לויפען צו די טאַטעס פערהערען די קינדער.

3) ביי כל אומה ולשון האָט דער לעהרער פאָלשטענדיגע פרייהייט אין זיין אַרבייט, די עלטערען מישען זיך ניט אַריין און זאָגען ניט קיין דעות וואָס צו לערנען און ווי צו לערנען, און ביי אונז איז ריכטיג דער היפך, יעדער טאַטע האָט זיך זיין פערטיג אויסגעאַרבייטען פראָגראַם, וועלכען ער פאָדערט דער מלמד זאָל דורך אויס איינפיהרען אין חדר.

4) ביי כל אומה ולשון לעהרענט געוועהנליך אַקינד עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד אין איין שולע, דער לעהרער האָט דעריבער די מעגליכקייט גוט אויסצושטודירען די פסיכאָלאָגיע פון קינד, זיינע פעהיגקייטען און חאַראַקטער, און ווייס טאַקי ווי אַזוי איהם צו בעהאַנדלען, און דאָס קינד געהט אימייר פאָרוועֶרטס אין זיינע למודים. ביי אונז אָבער בייט מען די חדרים מיט די מלמדים אַלע זמן, און יעדער נייער מלמד הויבט טאַקי ווידער אָן מיט׳ן קינד פון „אַלף״. און ביים „אַלף״ בלייבט ער... דורך דעם וואָס די קינדער האַטען אין איין אַרומוואַנדערען פון חדר צו חדר, פון קלמנען צו זלמנען, פערליערען זיי אויך דעם גאַנצען צוטרוי צו זייערע ערציהער, און עס קאָנען זיך דעריבער קיינמאָל ניט צוזאַמענשטעלען אין חדר קיין ריכטיגע גרופען, אויסער דעם ווערט דאַדורך אָבגעשוואַכט די לאַגע פון מלמד אין מאַטעריעלען זין.

5) ביי כל אומה ולשון איז די צאָהלונג אין די שולען אַ יעהרליכע, חאָטש מען רעכענט ניט דאָס גאַנצע יאָהר. ביי אונז איז די צאָהלונג יעהרליך נאָר אין דעם זין, וואָס מען בעצאָהלט ניט

אָפּט דעם מלמד פֿאַר אַ גאַנץ יאָהר... ווער עס צאָהלט יאָ, דער געפֿינט שוין שטענדיג אַנ'אויסוועג, ווי אַזוי ער זאָל דעם אָרימען מלמד ניט בעצאָהלען פֿאַר איניגע מאָנאַט אין יאָהר. דאָ איז אַ חדש אַ יום טוב'דיגער (חאָטש דער מלמד האָט גאָר ניט גענאָסען פֿון דעם יום טוב...), דאָ איז אַ זומערוואָהנונג, און וואו איז מאָזלען, סקאַרלאַטין אָדער אַנדערע צרות, רחמנא ליצלן... דורך דער סבּה, וואָס די קינדער הייבען אָן און הערען אויף צו לערנען ניט אַלע אין איין צייט, נאָר ווען איינעם פֿון די עלטערען פֿערגלוסט זיך, קענען זיך קיינמאָל ניט איינהאַלטען קיין ריכטיגע קלאַסען אָדער כּתות, זאָגאַר אין די בעסערע חדרים, וואו די שילער ווערען ווירקליך איינגעטיילט אין כּתות, איז אַזאַ אופן קענען זיך די שילער קיינמאָל ניט אויסגלייכען אין זייערע ידיעות און שטערען נאָר איינע די אַנדערע.

6) ביי כל אומה ולשון ווענען די לעהרער פֿון נאָכמיטאָג אין גאַנצען פֿריי און זיי האָבען צייט זיך פּאָרצובערייטען צו די מאָרגענדיגע לעקציאָנען, צו לעזען און וויסען וואָס עס טהוט זיך אויף דער וועלט, צו לערנען פֿאַר זיך און פֿערפֿאָלקאָמען זיך שטענדיג אין וויסענשאַפֿט, זיי קענען אויך זיין אין אַ געזעלשאַפֿט, הערען פֿערשידענע פֿאָרלעזונגען, בעזוכען טעאַטער, קאָנצערטען, וואָס איז אומבעדינגט נייטיג דעם לעהרער, כּדי צו אָבפֿרישען זיך פֿיזיש און גייסטיג צו זיין הייליגער אַרבייט, וואָס בעשטעהט אין ערציהען און אויפֿהאָדעווען דעם קינפֿטיגען דור. אונזערע מלמדים אין לעהרער האָבען דאָס אַלץ ניט און ווערען דעריבער אויפֿגערעגטע, בייזע, קאַפּריזנע, קליינליכע און אָבגעריסענע פֿון דער גאַנצער וועלט, אַזוי אַז ניט אומזיסט איז ביי אונז געוואָרען דאָס וואָרט „מלמד" אַ סענאָנים פֿון „טייגעניכט", „שוטה", „שלים'מזלניק", „לא יוצלח" און אַנדערע אַזעלכע פּעטיטעטען.

7) ביי כל אומה ולשון ווענען זיך די לעהרער מתפרנס אויב ניט רייך, אָבער בעל הבתיש, און ביי אונז אַ מלמד, נאָך אַלע

זײַנע שווערע אַרבײַט, שטאַרבט זיבען מאָל אַ טאָג מיט ווײַב און קינד פֿאַר הונגער...

8) אַ גרויסער טייל לעהרער בײַ אַנדערע פֿעלקער זענען אויך בעזאָרגט אויף דער עלטער מיט פּענסיע, אַפילו די וואָס האַלטען פּריוואַטע שולען בײַ די גוים, אויסער דעם וואָס זיי קאָנען על פּי רוב אָבּרעכען אַ קאָפּיקע און בעזאָרגען זיך אויף דער עלטער, זענען זיי זיכער אַז זייערע שולען וועלען אויך עקזיסטירען דאַן, ווען זיי וועלען אַלט ווערען, ווײַל בײַ די גויים להבדיל וואָס לענגער אַ שולע עקזיסטירט, אַלץ מעהר צוטרוי האָט מען צו איהר, אַזאַ טבע האָבען שוין די גויים, בײַ אונז אָבער איז אַן אַלטע שולע אָדער אַן אַלטער לעהרער ווי אַן אַלטע בתולה להבדיל, וואָס ווערט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר פֿערלאָזען פֿון די פֿריהערדיגע אַנהענגער... און אַ יידישען מלמד, אָדער לעהרער, קומט זעהר אָפֿט פֿאַר, נאָך זײַן פֿיעליאָהריגער מיה, צו ענדיגען זײַנע ביסעל יאָהרען אויף דער עלטער וואו ניט איז אין אַ הקדש, רחמנא ליצלן, אָדער אין אַ מושב זקנים. געוויס זענען נאָך ניט אַלע אַזעלכע מוצלחים צו צושלאָגען זיך צו אַזאַ אַנשטאַלט...

9) אַ לעהרער בײַ אַנדערע פֿעלקער, ווען ער אַרבײַט פֿלײַסיג און איבערגעבען, הערט אַמאָל אַ דאַנק פֿון די עלטערען אָדער פֿון זײַנע העכערע בעאַמטע. וואָס עס גיט איהם צו מוטה צו דער אַרבײַט; בײַ אונז איז דער לעהרער גערויבט אַפילו פֿון דעם גײַסטיגען פֿערגעניגען און ער הערט ניט קיין מאָל אַ גוט וואָרט פֿון קיינעם, וואָרום ממה נפשך: מאַכט דער שילער ניט קיין פֿאָרטשריטע, קומט דאָך דעם לעהרער ניט קיין דאַנק; בײַ דעם פֿאַל איז בײַ אונז אינגאַנצען דער לעהרער שולדיג... אלא וואָס דען, מאַכט דאָס קינד יאָ פֿאָרטשריטע, דאָ איז שוין דער לעהרער גאָרנישט שולדיג... דאַן זאָגט זיך דער פֿערשפּיצטער יידישער טאַטע: „אַ קליינינקייט אַ יינגער אַנ׳עלוי, וואו נעהמט מען אָבער פֿאַר איהם אַ גוטען לעהרער?"...

די בעציהונג פֿון די יידישע עלטערן צו די געוועזענע לעה-

רער פון זייערע קינדער איז ניט ווי צו די געוועזענע אמען אדער ניאנקעס, ווען א געוועזענע אם קומט אריין אין שטוב, ווערט זי אויפגענומען זעהר פריינדליך, כְּחֶבֶר פָּנִים יָפוֹת, און געהט אוועק מיט מתנות, און א געוועזענער מלמד ווערט אין גאנצען פרעמד, פונקט ווי דער דראזשקארוש, מיט וועלכען איך בין ערשט אבגעפאהרען מיין קורס און בעצאהלט איהם זיינע 20 קאפייקען און מעהר אינטערעסירט ער מיך שוין ניט... אט אזוי בעציהט זיך א ייד צו דעם, וואס האט נעבאך שווער געהארעוועט צו ענטוויקלען זיין קינד, זיין אייג אין קאפ!...

די ניטנארמאלע בעדינגונגען פון יידישען מלמד, אדער לעהרער, רופען זיך טאקי שטארק אב אויף דער ערציהונג גופא. דער אומגליקליכער מלמד, ייעלכער ארבייט איבער די קרעפטען און איז אזוי שטארק נידערגעשלאגען, וואס האט שטענדיג מורא פאר קאנקורענ׳ן און איז שטענדיג אבהענגיג פון דעם קאפריז פון די עלטערען און אמאל אויך פון די שילער גופא, קאן בשום אופן ניט בריינגען טריי זיין פראפעסיע און זיך איבערגעבען מיט ליעבע צו זיינע שילער, ווי עס דארף צו זיין.

די נידערגעשלאגענע לאגע פון יידישען לעהרער פיהרט אויך דערצו, אז א פעהיגער מענש, ייעלכער קאן זיך נאר אבזוכען וועלכע ניט איז אנדער בעשעפטיגונג, זאל אויסמיידען די מלמדות, און ביי דעם פאך בריינגען אם מיינסטען קאליעקעס, לא יוצלח׳ס, וועלכע קאנען, ווי מען זאגט, א קאין אנ׳עק ניט פערבינדען, און זיי, זיי זענען דאס די ערציהער פון אונזערע קינדער, וועלכע מיר ווילען גליקליך מאכען, פאר ייעלכע אונז איז ניט שווער צו הארעווען איבער די קרעפטען דעם גאנצען לעבען.

נישט בעסער זענען די בעדינגונגען פון דעם צווייטען אנשטאלט, וואו פיעל יידישע קינדער ווערען ערצויגען, דאס איז די זאגענאנטע „פריוואט-שולע”. די פארשטעהער פון די פריוואט-שולע לעבען אויך אין דחקות, ארבייטען אויך איבער די קרעפטען

פונקט ווי דער מלמד, דער אונטערשיד איז נאָר אין דעם, וואָס דער מלמד אַרבייט ביז שפּעט בײַנאַכט אין חדר, און דער פאַר־שטעהער פון דער פריוואַטשולע איז געצוואונגען צו ארומלויפען פון נאָך מיטאָג, ווי ער ענדיגט די בעשעפטיגונג אין שולע, אויף לעקציעס; דער פאַרשטעהער פון דער פריוואַטשולע איז אויך על פי רוב ניט מעהר ענטוויקעלט פאַרן מלמד, אויסער דעם זענען די שולען כלל ניט קיין יידישע. יידישע קינדער לערנען דאָרט די געשיכטע פון „יאַהאַן גראָזני" און הערען ניט דאָרט אַ וואָרט וועגען שלמה המלך... און די קינדער פון אָרימע עלטערען, וועלכע האָבען ניט צוהויזע קיין ספּעציעלען העבראעישען לעהרער בדייבען טאַקי דעריבער אייביגע עם־הארצים. און אפילו די וואָס האָבען יאָ לעהרער צו הויזע, איז אויסער דעם, וואָס די הויזליבע לעהרע ברענגט בכלל זעהר וועניג נוצען און קען בשום אופן ניט זיין ריכ־טיג סיסטעמאַטיש, האָט זי נאָך דעם פעהלער, וואָס זי בעלעסטיגט צופיל דעם קינד, וועלכער האָט נויטיג אָבצורוהען, נאָכדעם ווי ער איז שוין אָבגעזעסען ביז דריי אַזייגער אין שולע.

מיר האָבען נאָך אַ בעזונדער אַנשטאַלט, ספּעציעל געגרינדעט פאַר קינדער פון אָרעמע עלטערן, דאָס זענען די תלמוד־תורות. נאָר אויב די חדרים מיט די פריוואַט־שולען זענען די מזרח־וואַנד פון שול, וואו עס זיצען שטענדיג די „פּני"... און זייער פּראָגראַם און דער ערציהונגס־אַרט איז שוין די פעטע עליה, אַ מין שלישי, שישי אָדער אַ מפטיר׳ל... זענען די תלמוד תורות געוויס די מערב־וואַנד און איהרע למודים — איינס פאַר אחרון... די תלמוד תורה איז ניט קיין ערציהונגס אינסטיטוציע, נאָר אַ מין צופלוכטס־הויז פאַר ניטמינדריגע פערברעכער, די תלמוד תורה איז מעהר געגרינדעט פאַר די אויפ־געקומענע גבירים, זיי זאָלען האָבען וואו צו זאָגען די ברייטע דעה... די מלמדים פון תלמוד תורה זענען על פי רוב די גרעסטע עם־הארצים, טויגעניכטסען און גרויסע צבועים, וואָס האָבען קיין שום שייכות ניט, ניט מיט תורה און ניט מיט דרך ארץ, און די תלמוד

תּורה קינדער געהען טאַקע אַרויס בּורים גמורים, אָהן קיין שום ענט־
וויקלונג און פאַרבּערייטונג צום לעבּען, און קראַנקע, אָבּגעשוואַכ־
טע דערצו.

נאָך ערגער איז דער גורל פון די גבירישע קינדער. זייערע
עלטערן, די גרויסע מיוחסים, שטעהט גאָרנישט אָן צו שיקען זיי
אין אַ חדר און נעהמען פאַר זיי לעהרער צו הויזע אויף שטונדען.
די קינדער זענען אומגליקליכער פאַר יענע, וועלכע בּעזוכען די
חדרים און תּלמוד־תּורות, ווייל זיי ווערען בּערויבּט פון אַ קינדערשע
געזעלשאַפט, אין וועלכע אַ קינד נייטיגט זיך פונקט, ווי אַ פיש אין
וואַסער. „או חברותא או מיתותא" ד. ה. „אָדער געזעלשאַפט, אַז
ניט איז שוין ליעבּער דער טויט" — איז אַ תּלמודישער שפּריכוואָרט.
דאָס איז געזאָגט וועגען ערוואַקסענע און נאָך מעהר וועגען קינדער.
די קינדער פון די מיוחסים, וועהרענדיג ערצייגען צו הויזע, זענען
בּערויבּט פון פרייהייט ווי דער פויגעל אין שטייגעל, אָדער ווי די
אַרעסטאַנטען אין טורמע, און די עלטערען פּאַטשען זיך אין בּייכעל,
מיינענדיג אַז זיי מאַכען גליקליך זייערע קינדער.

אונז פערבּלייבּט נאָך צו רעדען וועגען דעם שיקזאַל פון
אונזערע קינדער, וועלכע האָבּען געהאַט דאָס גליק צובּרעכען די
שלעסער פון די פערמאַכטע טהירען און אַריינהאַפּען זיך אין די
גימנאַזיעס. ווער קאָן בּעשרייבּען די פריידע פון די עלטערען, ווען
זייער קינד קומט אַריין מיט גליק אין אַ גימנאַזיע. דאָס איז אַ גע־
ווינס, דער גרויסער זכה בּגורל. אָבּער וואָס געווינט דאָס קינד
בּאמת אין דער גימנאַזיע? די גימנאַזיע איז אַן אַנשטאַלט, וואָס
פאַבּריצירט מענשען מיט דיפּלאָמען, אָבּער ניט מענשען מיט ער־
ציהונג, מענשען מיט וויסענשאַפט. די בּעציהונג פון די לעהרער
צו די שילער איז ניט, ווי פון אַ פאָטער צו אַ קינד, נאָר ווי פון
אַ פּאָליצי־טשינאָווניק צו׳ם פּובּליקום... וויפיעל שילער פון די רע־
גירונגס אַנשטאַלטען נעהמען זיך אַליין דאָס לעבּען יאָהר יעהרליך,
נאָר צוליעבּ דער שלעכטער בּעציהונג פון די לעהרער! ווי ווייט

די הערצער פֿון די גימנאזיום=טשינאווניקעס זענען פֿרעמד פֿון א ביסעל ליעבע צו זייערע ציינגלינגע, קאן אונז דינען פֿאלגענדער פֿאקט: אין גימנאזיום קומט פֿאר שבת נאכט א סעסיע ווענען דאס צונעהמען פֿון די נייע שילער און ויעגען די וואס האבען געהאלטען פערעקזאמענאציקעס. צעהנדליגער ערטערען שטעהען אב איף די פֿיס גאנצע שטונדען אין דער פֿינסטער אין אנ׳ענגען צימער פֿון גימנאזיום און ווארטען מיט אונגעדולד ביז די סעסיע וועט זיך ענדיגען, כדי צו ערפֿאהרען ויעגען דעם שיקזאל פֿון זייערע קינדער. די סעסיע ענדיגט זיך מיט מזל א זייגער 10 אין אווענד, אבער... אנשטאדט דעם, וואס איינער פֿון די לעהרער זאל זיך נעהמען די מיה איף 10 מינוטען און פֿארזיען פֿאר די עלטערען דעם צעטעל פֿון די אנגענומענע שילער, האפען זיי זיך ארויס פֿון א צווייטער טהיר, און די עלטערען מוזען נעבאך אייעקגעהן מיט גארנישט, און איף מארגען איז זונטאג, איז דאך דאס גימנאזיום אין גאנצען צוגעמאכט, און אזוי בלייבט מען הענגען אין אנ׳אונבעשטימטער לאגע ביז מאנטאג פֿריה. און אזוי ארום האבען זיך גאנצע 36 שטונדען הונדערטער יונגע הערצער געוואקעלט צווישען יאוש און האפֿנונג! וואלט אזוינס געקאנט פֿארקומען, ווען די לעהרער וואלטען געהאט עטוואס ליעבע צו זייערע שילער?...

נאר איב די רעגירונגס בילדונגס=אנשטאלטען זענען ווייט פֿון פֿאלקאמענהייט פאר די קריסטליכע קינדער, ווירקען זיי נאך פֿיעל ערגער פֿאר אונזערע יידישע קינדער, וועלכע מען וויזט ביי יעדער געלעגענהייט אן, אז זיי זענען דארט געסט ניט קיין געבעטענע... איבערדעם ווערען דארט אונזערע קינדער אין גאנצען אבגעריסען פֿון יודענטום און פֿון יידישקייט, אזוי אז זיי וואקסען אויס אונטערדריקטע „מה יפית=ניקעס" און אין גאנצען אבגעריסענע אברים פֿון יידישען פֿאלק.

וואס האבען מיר צו פֿארנעהמען בכדי צו איסבעסערען די ניט=נארמאלע לאגע פֿון דער ערציהונג?

ווענען דעם אין קומענדען קאפיטעל.

3.

ווי אַזוי קענען מיר פֿערבעסערען די ערציהונג.

עס איז ניטאָ נאָך אַ פֿאָלק אויף דער וועלט, וועלכע זאָל אויסגעבען פֿערהעלטניסמעסיג אַזוי פֿיעל געלד אויף ערציהונג, ווי מיר יידען. מיר געדענקען, ווי די גאַנצע וועלט האָט זיך אַ טרייסעל געטהון, דערהערענדיג אין דער צווייטער דומא די סטאַטיסטיקע, אַז די פֿינף מיליאָן יידישע איינוואָהנער אין רוסלאַנד געבען אויס גאַנצע 55 מיליאָן רובל יעהרליך אויף ערציהונג. דאָס איז אַ קאַפּיטאַל, מיט וועלכען מען האָט געקאָנט זעהר זעהר פֿיעל אויפטהון; מיט אַזעלכע גרויסע מיטעל האָט די ערציהונג ביי יידען געדאַרפֿט זיין אַוועקגעשטעלט אויף דער העכסטער מַדְרֵגָה, אַזוי אַז אַלע אַנדערע פֿעלקער זאָלען זיך ווירקליך קומען לערנען, אין דער בעציהונג, ביי דעם עַם חָכָם וְנָבוֹן, און דער יידישער לעהרער האָט אייגענטליך בעדאַרפֿט אַרומפֿאָהרען אין קאַרעטען טאַקי מיט גומענע רעדער... אין דער ווירקליכקייט אָבער איז ביי אונז, ווי מיר האָבען שוין בעוויזען אין די פֿאָריגע קאַפּיטלען, אי די ערציהונג, אי די מאַטעריעלע לאַגע פֿון ערציהער ערגער ווי ביי אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט.

מיט וואָס ערקלערט זיך אַזאַ אוננאַטירליכע ערשיינונג? און וואו קומען ווירקליך אַהין די שווערע צענדליגער מיליאָנען, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק גיט אויס יאָהר יעהרליך אויף ערציהונג?

די צוויי פֿראַגען ווערען פֿערענטפֿערט מיט איין תשובה: ביי אונז געהט אַלץ צוגרונד נאָר צוליעב דעם פּזור הכוחות, ד. ה. ווייל מיר צוברעקלען אונזערע מיטלען אויף אַזעלכע קליינינקע טיילכעלעך, ביז עס בלייבט דערפֿון גאָרנישט מיט גאָרנישט.

אַנשטאָדט דעם וואָס בײַ דער גאַנצער קולטורעלער וועלט ווערט געעפֿענט פֿאַר 4 אָדער 5 הונדערט שילער בלויז 1 שולע, עפֿנען זיך בײַ אונז פֿאַר דעם זעלבן צאָהל שילער גאַנצע 40—50 שולען אָדער חֲדָרִים, און יעדער חדר האָט נישט מעהר ווי 10—15 שילער. און אָט די צעבּרעקלונג האָט געבּראַכט דעם חֶדר, ד. ה. אונזער עלעמענטאַר שולע צו דער ניעדריגסטער מַדְרֵגָה אין אינערליכען און אויסערליכען זין. דורך דער צעבּרעקלונג צאָהלט זיך זעהר שלעכט אָבּ דעם יידישען לעהרערס מיה, און ווײַל אַ לעהרער בײַ יידען לעבּט אין גרויס דחקות, אַנטרויפֿען אַלע פֿעהיגע מענשען פֿון לעהרערײַ, און בײַ דעם פֿאַך בּלײַבּען, על פּי ריב, נאָר אַזעלכע, וועלכע טויגען שוין נישט צו קיין אַנדערע בּעשעפֿטיגונג, און די צאָהל פֿון די אֶמת-גוטע לעהרער און גוט-אײַנגעאָרדענטע חדרים איז זעהר קליין; די חדרים זענען דעריבּער קליינע, ענגע, פֿינסטערע, שמוציגע; די לעהרע געהט דעריבּער אָהן אַ סיסטעם און אָהן אָרדנונג; אין איין אָבּטהײלונג לערנען דעריבּער קינדער פֿון פֿערשיעדענעם אַלטער, און פֿערשיעדענע פֿעהיגקײַטען און ענטוויקלונג אַזוי, אַז גאַנץ אָפֿט פֿערגלײַכט זיך די צאָהל פֿון די כּיתות אין חדר מיט דער צאָהל פֿון די שילער, און די קינדער וואַקסען טאַקי אויס אמת'ע בּורים, אָהן תּורה און אָהן דרך אֶרץ, אָהן ווי-סענשאַפֿט און אָהן ענטוויקלונג, די מוחות ווערען פֿערקרימט אַזוי, אַז איין ייד קאָן זיך שפּעטער ניט צוזאַמען רעדען מיט'ן צווייטען: וואָס בײַ קַלְמָנען איז טאָג — איז בײַ זַלְמָנען נאַכט, וואָס בײַ איטשען איז הײַם — איז בײַ פּיטשען קאַלט!...

נאָר אַ דאַנק דעם ניטנאָרמאַלען ערציהונגס-צושטאַנד דורך די צעבּרעקעלטע חדרים, האָבּען מיר פֿערלערענט אונזער שפּראַך, אונזער ליטעראַטור און אונזער געשיכטע און בײַ אונז האָט זיך אײַנגעוואָרצעלט אַזוי פֿיעל עם-הארצות, ווילדקײַט און מיספֿערשטענדעניס; מיר האָבּען אויפֿגעהערט צו פֿערשטעהן איינער דעם אַנדערען און מיר קאָנען זיך קיינמאָל אין קיין זאַך ניט פֿעראײַניגען,

נאָר צוליעב דעם וואָס יעדער איינציגער פון אונז האָט געהאַט אַ בעזונדער ריס, וועלכער האָט אויף אונז אין דער קינדהייט געמאַכט אַ גרויסע ווירקונג מיט זיין אינדיווידועלער לעבענס אנשויאונג, מיט זיין [illegible], אויפפיהרונג און בעהאַנדלונג. אויף אַזאַ אופן איז דאָס יידישע פאָלק צעפאַלען אויף קליינינקע גרופּעס, אויף מנינים, און מיר הערען באַלד אויף צו זיין אַ פאָלק אַ גאַנצעס, אַ פעראייניגטעס מיט איינע און די זעלבע שטרעבונגען. דאָס איז די הויפּט-סבה, וועלכע לאָזט אונז קיינמאָל ניט קומען צו אַ געוויסען ציעל.

דעריבער, אויב מיר זאָרגען ווירקליך פאַר דער צוקונפט פון אונזער פאָלק און מיר דענקען וועגען גליק פון אונזערע קינדער, מוזען מיר קודם כל זוכען מיטעל ווי אַזוי אויסצובעסערען די ערציהונג פון דעם דור הבא. און וויל דער גרונד-פעהלער פון אונזער ערציהונג ליגט אין דעם פזור הכחות, מוזען מיר דעריבער קודם כל דאָס ערוויי טערען און אין גאַנצען מבטל זיין.

מיר מוזען דעריבער אַרויסנעהמען די ערציהונגס-אַנשטאַלטען פון רשות היחיד און אַריינפיהרען אין רשות הרבים, ד. ה. מיר דאַרפען אַרויסנעהמען די חדרים און די שולען פון פריוואַטע הענד, און אַנשטאָט זיי עפענען גרויסע, פעראייניגטע געמיינדע-שולען.

ווי גרויס וועט זיין דער ערפאָלג פון אַזאַ פערענדערונג, קאָנען אונז בעווייזען פאָלגענדע ציפער:

ווען אַ מלמד, למשל, האָט 10 שילער, וועלכע צאָהלען צו 5 רובל אַ חודש, האָט ער בסך הכל איינקינפטע 50 רובל אַ חודש. אַזאַ סומע איז געוועהנליך ווייניג פאַר'ן מלמד צום לעבען מיט דער פאַמיליע; און וועגען אנגאַזשירען גוטע לעהרער אין ענגער, אָדער וועגען אַ פּאַסענדען לאָקאַל און נויטיגע איינריכטונג, וואָס אַ שולע פאָדערט, קאָן שוין גאָר קיין רעד ניט זיין. ווען

מיר פֿערא‍ייניגען אָבער אזעלכע 50 חדרים און מיר מאַכען פֿון זיי איין חדר, האָבען מיר שוין 500 תּלמידים, וועלכע צאָהלען צו 5 רובל אַ חדש, אויף אַזאַ אופֿן בעקומען מיר שוין אַ סומע פֿון 2,500 ר' אַ חדש, אָדער 30,000 רובל אַ יאָהר, און מיט אַזאַ סומע קאָנען מיר שוין זעהר פֿיעל אויפֿטהון!

ווען מיר וועלען איינטהיילען די 500 שילער אין 12 אַבטהיילונגען אָדער קלאַסען, ד. ה. אומגעפֿעהר צו 40 שילער אין אַ קלאַס, וועלען מיר דאַרפֿען 12 לעהרער, פֿאַר יעדער קלאַס אַ לעהרער. די לעהרער וועלען מיר גוט בעצאָהלען, כדי זיי זאָלען קאָנען אַנשטענדיג לעבען. לאָמיר זאָגען, אַז אַ לעהרער וועט בעקומען 1500 רובל אַ יאָהר, דאַן וועט אונז דער לעהרער-פּערסאָנאַל קאָסטען 18,000 רובל אַ יאָהר. מיר וועלען נאָך אַנגאַזשירען אַ פּערוואַלטער אָדער אַ דירעקטאָר פֿאַר דער שולע, וועלכען מיר וועלען צאָהלען גאַנצע 3.000 רובל אַ יאָהר; פֿאַר'ן לאָקאַל וועלען מיר אויך צאָהלען 3,000 רובל אַ יאָהר; 1000 רובל אַ יאָהר וועלען מיר צאָהלען אַ סעקרעטאַר; 1000 רובל — בעדינונג; 1000 רובל אַ יאָהר — בעהייצונג, בעלייכטונג און שרייב-מאַטעריאַלען; אויף אַזאַ אופֿן גיבען מיר אויס בסך הכּל 27,000 רובל און אונז בלייבען נאָך גאַנצע 3.000 רובל, מיט וועלכע מיר קאָנען בעפֿרייען 50 שילער פֿון דער גאַנצער צאָהלונג, אָדער 100 שילער פֿון אַ האַלבע צאָהלונג.

אויב אין שטאָדט איז אין גאַנצען דאָ נישט מעהר ווי 500 קינדער, וועלכע האַלטען ביים לערנען, עפֿענען מיר 1 שולע, וואו עס לערנען אי די רייכע אי די אָרימע צוזאַמען, און מיט דעם עודף וואָס בלייבט פֿון די שילער, וועלכע צאָהלען, און אויך מיט דער סומע, וואָס מיר וועלען זיך איינבריינגען דורך דעם וואָס מיר וועלען פֿאַרשפּאָרען האַלטען אַ בעזונדער תּלמוד תּורה פֿאַר די אָרימע, וועלען מיר זעהר לייכט קאָנען בעפֿרייען אַ טהייל אָרימע פֿון דער גאַנצער צאָהלונג, אַנדערע פֿון אַ העלפֿט, אַ דריטעל, אַ פֿערטעל און אַזוי ווייטער.

זעלבסט פֿערשטענדליך, ווען אין אַ שטאָדט איז דאָ 1000 קינדער, עפֿענט מען צוויי אַזעלכע שולען, ווען 5000 — 10 אַזעלכע שולען, און אַזוי ווייטער.

דאָ וועלען זיך אָבער שטעלען אינזערע גבירים די מיוחסים און ברייגען אַ קלאָץ־קשיא: „ס׳טייטש! זאָלען אונזערע קינדער — די זאַטע און גוטגעקליידעטע לערנען מיט די הונגעריגע באָסאַקעס צוזאַמען אין איין שולע? און נאָך אפשר זיצען איף איין באַנק? פּאַסט עס פֿאַר אונז?” — דאַרויף וועלען מיר זיי ענטפֿערען איך מיט אַ שאלה, ווי דער שטייגער איז ביי ידען: „זאָגט נאָר, שענע מיוחסים, פֿאַרוואָס שטעהט איהר אָן, אייערע קינדער זאָלען זיצען אויף איין באַנק און לערנען צוזאַמען אין איין קלאַס מיט די קינדער פֿון די אָרימע אין די גימנאַזיעס? פֿאַרוואָס זאָגט איהר גאָר נישט, ווען אייערע קינדער זיצען אין איין קלאַס צוזאַמען מיט די קינדער פֿון אייערע סטרוזשעס אין גימנאַזיע?”...

וועגען דעם, ייאָס פֿאַר אַ ווירקונג די אָרימע קינדער מאַכען אויף די רייכע, ווען זיי לערנען צוזאַמען, וועלען מיר אויספֿיהרליכער רעדען ביים ענדע קאַפּיטעל, פֿאָרלויפיג וועלען מיר זיך אומקעהרען צו אונזער שולע און בעטראַכטען, ווי די נייע פֿעראיינינגטע שולע וועט אויסזעהן אינערליך און אויסערליך.

ווען אַ לעהרער וועט האָבען 1500 רובל אַ יאָהר זיכערע און בכבוד, וועט זיך אין אַ גאַנץ קורצע צייט בעוויזען אַ גאַנץ נייער און גרויסער לעגיאָן טיכטיגע לעהרער, דען די אַלע פֿעהיגסטע יידישע יונגעלייט, וועלכע זוכען אַ קאַריערע, וועלען זיך שטאַרק אַנעהם טהון זיך פֿאַרבערייטען צום לעהרער־פֿאַך, וויילבער גיט פּרנסה בכבוד. מיר ווייסען דאָך ווי אַ ייד איז להוט נאָך פּרנסה, און ייאָס וועט אַ יידישער יונגערמאַן ניט דורכמאַכען, כדי צו ערלייבען אַ קאַריערע?

ביי די בעדינגונגען וועט זעהר מעגליך זיין איינפֿיהרען אַ ריכטיגען פּראָגראַם און סיסטעם אין לערנען.

דער פּראָגראַם וויִדער וועט קאָנען זײַן מעהר אָדער וועניג גלײַך אין אַלע שולען פון אַלע שטעדט. און ווען אַ קינד וועט אַ מאָל מוזען צוליעב געוויסע סבות אַריבערגעהן פון איין שולע אין אַ צווייטער, וועט ער קאָנען פּאָרטזעצען זײַנע למודים ווײַטער אין דער נײַער שולע, ניט פערלירענדיג קיין צײַט.

די אײַנטהײלונג פון די שילער אין די קלאַסען וועט דאַמאָלס זײַן אַריכטיגע, ווײַל ווען מען האָט פאַר זיך 500 קינדער און מען טהײלט זיי איין צו 40 אין אַ קלאַס, קאָן מען שוין לײַכט אויסקאָמבינירען, אַז די פעהיגערע און מעהר ענטוויקעלטע אָדער בעסער פּאָרבערײַטעטע זאָלען זיך געפינען אין איין אַבטהײלונג, און די שוואַכערע — אין אַ בעזונדער אַבטהײלונג, כדי איינס זאָלען ניט שטערען דאָס אַנדערע. ווארום ווען מיר האָבען אַ געמישטע קלאַס פון בעסערע און ערגערע שילער, געהען די בעסערע שילער פאָרווערטס, און די ערגערע שטעהען וואָס ווײַטער אַלץ מעהר אָב פון דער קלאַס, ביז זיי געוועהנען זיך אָב אין גאַנצען צו הערען דעם לעהרערס ערקלערונגען, וועלכע ווערען פון טאָג צו טאָג אַלץ וועניגער בעגרײַפליך פאַר זיי, און זיי הערען דעריבער אויף אין גאַנצען צו לערנען. פערלאַנגען וויִדער, אַז דער לעהרער זאָל זיך אָבשטעלען אויף די שוואַכערע שילער און פיהרען די לעהרע אַזוי לאַנגזאַם, ביז די שוואַכע שילער וועלען איהר בעגרײַפען, איז אויך אונמעגליך, ווײַל דאַן ווערט די לעהרע לאַנגווײַליג און נישט אינטערעסאַנט פאַר די בעסערע שילער. גאַנץ אַנדערש אָבער איז דער רעזולטאַט, ווען די שוואַכערע שילער לערנען אין אַ בעזונדער אַבטהײלונג און מען קען פיהרען די לעהרע נאָך זייערע קרעפטען.

דאָס אַליין בעווײַזט שוין אונז גאַנץ קלאָר, אַז די אײַנטהײלונג פון די קלאַסען מוז זײַן נאָר נאָך די פעהיגקײַטען און דער פאָרבערײַטונג פון די שילער, אָבער נישט נאָך זייערע אַנציגע, דאָס הייסט אַלע רײַכע קאַפּאָטעס זאָלען לערנען אין איין קלאַס, אָדער גאָר אין אַ בעזונדערע שולע, און די צעריסענע קאַפּאָטעס — וויִדער

אין א בעזונדער קלאס אדער בעזונדערע שולע, ווי מיר זענען זיך נוהג ביז איצט ...

אויסער דעם דארף מען נאך דערמאנען אונזערע מיוחסים די גבירים וועגען דעם אלטען פון לאנג אן בעשטעטיגטען פאקט, אז די ארימע קינדער ברענגען באמת פאר די רייכע, ווערענד זיי לערנען צוזאמען, ניט נאר קיין שאדען, נאר אומגעקעהרט, די גרעסטע נוצען. זיי דיענען פאר די רייכע אלס מוסטער מיט זייער פלייס, געדולד, זעלבסטשטענדיגקייט און ניטפערצערטליכקייט. און די ארימע האבען אויך ווידער נוצען פון דעם וואס זיי לערנען צוזאמען מיט די רייכע, ווייל אויף אזא אופן ווערען די אמת־בעגאבטע ארימע קינדער בעקאנט אין די רייכערע קרייזען און בעקומען אפט שטיצע פון די רייכע צום לערנען, און זייערע אנגעבארענע טאלענטען געהען ניט לאבוד.

די לעזער וועלען נאך אבער אונז געווים געבען איניגע זעהר וויכטיגע פראגען: 1) ווי איז מעגליך צו פעראייניגען אלע פאר־טייען, אויף וועלכע יידען צופאלען, זיי זאלען וועלען שיקען זייערע קינדער אין 1 שולע? 2) וואס וועלען מיר טהון מיט די אלטע ניט פעהיגע מלמדים, צי קאנען מיר זיי לאזען אהן ברויט? 3) ווי אזוי קאן מען עפענען אזא שולע אין ־ קלענערע שטאדט, דארט וואו עס איז ניטא קיין 500 קינדער צום לערנען? אדער אין אן'ארימע שטעד־טעל, דארט וואו דאס רוב עלטערען קענען נישט צאהלען קיין 5 רובל א מאנאט שכר למוד?

וועגען די אלע פראגען, אויך וועגען דעם פראגראם, וועל־כען מען זאל איינפיהרען אין די שולען, וועט אויספיהרליך בע־האנדעלט ווערען אין די קינפטיגע ארטיקלען.

4.

צי קאָנען מיר גרינדען אַנ׳אַלגעמיינע קהל׳שע שולע?

ווען מיר קומען פערווירקליכען דעם געדאַנק וועגען גרינדען אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך אַנ׳אַלגעמיינע קהל׳שע שולע פאַר אָרים און רייך, בעגעגענען מיר זיך מיט צוויי גרויסע מניעות.

די ערשטע מניעה איז דאָס, וואָס מיר זענען צעבראָקעלט אויף שטיקלעך, און יידען בעשטעהען ניט פון אַ פאָלק „יידען", נאָר פון קליינע פאַרטייען, ווי: ליטוואַקעס, פאָליאַקען, וואָלינער, חסידים, מתנגדים, משכּילים, אָרטאָדאָקסען און פרייע. חסידים גופא טיילען זיך ווידער אויף טאַלנער, קאָצקער, ליבאַוויטשער, טשערנאָבלער, גערער, אַלעקסאַנדער, סטריקאָווער און אַזוי ווייטער. דערצו האָט אונז די לעצטע צייט גאָט געבענשט מיט תרפ"ט אַלפים נייע פאַרטייען און פאַרטייעלעך מיט „פּלאַטפאָרמעס"... היינט ווי אַזוי פעראייניגט מען אַלע קליינינקע וועלטעלעך אין איין גרויסע וועלט?

די צווייטע מניעה איז דאָס, וואָס ביי׳ם פעראייניגען די שולען, וועלען אונז אויסענבלייבען זעהר פיעל פון די אַלטע מלמדים, וועלכע וועלען ניט קאָנען בענוצט ווערען אין דער נייער שולע. און די פראַגע וועגען די איבעריגע מלמדים איז ביי דער ערשט צייט זעהר אַנ׳ערנסטע.

אַנדערע וועלען זאָגען, אַז מיר דאַרפען זיך גאָר נישט רעכענען מיט די אַלטע מלמדים, דאַן ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דער צוקונפט פון אונזערע קינדער, פונקט ווי מען רעכענט זיך ניט ביים בויען אַ באַהן מיט דעם, וואָס די בעלי=העגלות וועלען בלייבען אָהן פרנסה.

אין דער ווירקליכקייט אָבער מוזען מיר זיך יאָ רעכענען מיט

דער מלמדים פראגע. קודם כל וועגען מיר פערפליכטעט, אלס גע־
וועזענע תלמידים פון דעם אלטען טיפּ מלמדים, צו בעזארגען זיי
מיט ברויט אויך דאן, ווען מיר הערען אויף צו שיקען אונזערע
קינדער צו זיי אין די חדרים. אויסער דעם מוזען מיר אויך ווידער
געדענקען, אז אין די אלטע מלמדים געפינען מיר שטענדיג די
גרעסטע אפאזיציע. דען ווי נאר זיי דערשמעקען וועגען א רעפארעם
אין דער ערציהונג, חאפּט זיי אן א שרעק, ווייל זיי ווייסען זעהר
גוט, אז יעדער נייער רעפארעם קאן אוועקנעהמען דאס לעצטע
שטיקעל טרוקען ברויט פון זייערע ארימע פאמיליעס, און כדי צו
רעטען זיך פון אזא אנ'אומגליק, הויבען זיי דעריבער באלד אן צו
יליארעמען, אז מען געהט אב'שמדען די יידישע קינדער, און עס גע־
פינען זיך שוין ביי אונז אזעלכע „קהל'שע־בעלי־טובות", „כלל־פער־
זארגער", וועלכע טרעטען ארויס מיט א הייסע מלחמה, ביז די נייע
אונטערנעהמונגען געהען צו גרונד.

באמת אבער איז די מלמדים־פראגע גאר ניט אזוי שרעקליך,
ווייל מיר קאנען די אלטע מלמדים גאנץ לייכט בעזארגען.

די אלטע מלמדים טיילען זיך געוועהנליך איין אין דריי קא־
טעגאריעס.

צו דער ערשטער קאטעגאריע געהערען די האלבע משכילים,
וועלכע האבען אין דער יוגענד געלערענט תנ"ך, דקדוק און תלמוד
און פערשטעהען אויך אביסעל ווי צו לערנען קינדער, נאר זיי קא־
בען אליין אין זייערע חדרים גארנישט אויפטהון, ווייל זיי האבען
נישט קיין ריכטיגע כחות, זיי פעהלט די נויטיגע לעהרער־געהילף
אין פאסענדע איינריכטונג אין חדר.

די מלמדים וועלען מיר זעהר שען קאנען אויסנוצען אין דער
נייער שולע, בפרט ווען זיי וועלען ארבייטען לויט דער ריכטונג
פונ'ם פאכמאן דעם שול־פערוואלטער. לויט אונזער פראגראם אין
פאריגען קאפיטעל.

צו דער צווייטער קאטעגאריע געהערען די יעניגע מלמדים,

וועלכע האָבען אין דער יוגענד גאַנץ וועניג געלערענט, אָבער זיי זענען נאָך יונג, אַביסעל ענטוויקעלט, האַלב אינטעליגענט און פערשטעהען עטוואָס ווי אומצוגעהן מיט קינדער. אַזעלכע קאָנען מיר אויסנוצען אַלס משגיחים אויף די קינדער אין דער צייט פון פויזען, אַלס אינקאַנסענטען, אָדער אַנדערע אַזעלכע אַמטען, ביי וועלכע זיי ווערען נאָך גאַנץ כשר פערדינען זייער ברויט.

דאָס ערגסטע איז מיט דער דריטער קאַטעגאָריע, דאָס הייסט, מיט די גאָר אַלטע מלמדים, וועלכע זענען פיזיש שוין מעהר ניט פעהיג צו אַרבייטען, אָדער מיט די יונגע עמי הארצים גמורים, וועלכע טויגען כלל וכלל נישט.

אָבער נעהמענדיג אין אַכט, אַז אַזעלכע לא יוצלח׳ס מלמדים פערדינען על פי רוב גאָר וועניג, העכסטענס פיער אָדער פינף רובל אַ וואָך, וועט אונז ניט שווער זיין צו געבען זיי אַ געוויסע צייט זייער הספקה פון די סומען, וועלכע וועלען אונז בלייבען פון בודזשעט אויף אויסהאַלטען אונזער פעראייניגטע קהל׳שע שולע, און מיר וועלען ביי זיי דאָס מלמדות אין גאַנצען אַוועקנעהמען. אַ טייל פון די לעצטע וועט מען פיליכט אונטערשטיצען מיט אַ געוויסער סומע געלד, כדי זיי זאָלען זיך קאָנען אָבזוכען אַן אַנדער שטיקעל פרנסה.

שווערער איז אָבער צו לעזען די ערשטע פראַגע, דאָס הייסט, צו ברענגען, אַז אַלע אונזערע פאָלקס-שיכטען זאָלען שיקען זייערע קינדער אין איין שולע.

מיר מוזען אָבער בעמערקען, אַז מען דאַרף קיינמאָל ניט פערבייטען דעם בעגריף „שווער" אויף דעם בעגריף „אונמעגליך", ווייל צווישען „שווער" און „אונמעגליך" איז זעהר אַ גרויסער חלוק!

די פראַגע איז באמת זעהר אַ שווערע, אָבער דאָך איז זי זעהר מעגליך דורכצופיהרען מיט דער הילף און אַגיטאַציע פון דער פרעסע און פעהיגע מענשען, וועלכע פערשטעהען די וויכטיגקייט פון דער ערציהונגס-פראַגע פאַר׳ן יידישען פאָלק ביי איצטיגען מאָמענט.

די עֶרציִהונגס-פראַגע פֿערנעהמט זעהר אַ וויכטיגען אָרט בּײַ אַלע פֿעלקער. אָבער נאָך אַ פֿיעל גרעסערען אָרט בּעדאַרף זי פֿערנעהמען בּײַ אונז יידען.

די קינדער פֿון אַנדערע פֿעלקער געפֿינען זיך אונטער דעם אײַנפֿלוס פֿון זייער נאַציאָנאַלען לעבען; זייער נאַציאָנאַל שפּראַך לערנען זיי אויס פֿון דער פּראַקטיק, אָהן הילף פֿון לעהרער; נאָך אין די קינדערשע יאָהרען לערנען זיי אויס און זינגען זייערע נאַציאָנאַלע לידער; זיי געוואוינען זיך לײַכט צו צו זייערע מִנְהָגִים, וועלכע שטעהען אַם מײַנסטען ניט ווײַט פֿון לעבען, און בּלײַבען אַלע טרײַ און איבּערגעבּען זייער פֿאָלק.

מיר וועלען קיינמאָל ניט בּעגעגענען, לְמָשָׁל, אַ פּאָליאַק, אַפֿילו ניט קיין גרויסען מלומד, וועלכער זאָל זײַן אַ געגנער פֿון דער פּאָלנישער שפּראַך, זאָל זיך שעמען מיט'ן נאָמען „פּאָליאַק" און פֿײַנט האָבּען די פּאָלנישע קולטור, און אַזוי איז אויך מיט אַנדערע פֿעלקער. דאָך זענען אַלע קולטורעלע פֿעלקער פֿערנומען מיט דער פֿראַגע וועגען עֶרציִהונג, און מען טראַכט נאָר ווי אַזוי זי אויסצובּעסערען און צו בּרענגען צו'ם תכלית השלמות. בּײַ כל אומה ולשון וועט גאָר קיינעם ניט אײַנפֿאַלען צו זאָגען: „איך מוז מײַן קינד עֶרציִהען בּדִיקא אויף'ן זעלבּען אָרט מיט דעם זעלבּען דֶרֶך אַזוי ווי מײַן זיידע האָט עֶרצויגען מײַן טאַטען און אַזוי ווי מײַן טאַטע האָט מיך עֶרצויגען!

פֿיעל פֿערוויקעלטער איז די עֶרציִהונגס-פֿראַגע בּײַ אונז יידען. אונזערע קינדער געפֿינען זיך נישט נאָר בּלויז אונטער דער הַשְׁפָּעָה פֿון זייער אייגען פֿאָלק, נאָר פֿיעל מעהר אונטער דער השפּעה פֿון פֿרעמדע פֿעלקער, וואו מיר זענען דער מיעוט, און דער מיעוט איז שטענדיג מְקַבֵּל הַשְׁפָּעָה פֿונ'ם רוב.

בּײַ אונזערע קינדער קאָנען זיך דעריבּער ניט אײַנוואָרצלען נאַציאָנאַלע געפֿיהלען בּלויז דורך דער פּראַקטיק. אונזערע קינדער קאָנען אויך נישט אויסלערנען אונזער נאַציאָנאַל שפּראַך און בּעקאָ-

נען זיך מיט אונזער ליטעראַטור און קולטור אָהן היליף פֿון לעהרער.

אונזערע קינדער זענען געצוואונגען, צוליעב אונזער ניט נאָרמאַלע לאַגע, פיעל מעהר שפּראַכען צו לערנען, ווי קינדער פֿון אַנדערע פֿעלקער, און די אַלע שפּראַכען זענען פֿאַר זיי, על פּי רוב, פֿרעמד פֿון דערהיים. ערשט ווען מיר ווילען נאָך איינפּלאַנצען יידישקייט ביי אונזערע קינדער, מוזען מיר זיי בעקאַנט מאַכען מיט׳ן יידישען גייסט, מיט דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, און צו דיזען צוועק מוזען זיי אומבעדינגט אויסלערנען די העברעאישע שפּראַך, וועלכע איז ווידער גאַנץ פֿרעמד פֿאַר זיי.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז אונז יידען איז פֿיעל שווערער צו ערציהען די קינדער, ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער, ווייל אונז קומט פֿאַר צו בעלעסטיגען די קינדער פֿיעל מעהר, ווי אַנדערע פֿעלקער אַפֿילו מיט וועלטליכע למודים, אויסער אונזערע אייגענע נאַציאָנאַלע למודים. און ווייל אונזער ערציהונג איז שווערער, ווי ביי כל אומה ולשון, האָבען מיר דאָך בעדאַרפֿט זיך פֿערנעהמען מיט דער ערציהונגס־פֿראַגע מעהר פֿון אַלע פֿעלקער, אַזוי איז שוין די טבע פֿון דער וועלט, וואָס שווערער די פֿראַגע איז צו לעזען, אַלץ מעהר מיה גיט מען זיך צו דער לעזונג פֿון דער פֿראַגע. לײדער אָבער זעהען מיר ריכטיג דעם הפך!

נישט נאָר די מאַסע, די אָרימע בעלי מלאָכות, די קרעמערלעך, כּרכורים, אַלע מינים „געשעפֿט־מאַכערס״ אינטערעסירען זיך ניט מיט דער פֿראַגע איבער דער ערציהונג, נאָר אַפֿילו אונזערע „בעלי בתים חשובים״, אונזערע „גבירים אַדירים״, אונזערע „משכּילים״, אונזערע „קהל׳שע בעלי טובות״, און אַפֿילו, זאָל איהר צו קיין גנאי ניט זיין, אונזער פּרעסע הויבט זיך ניט אָן צו אינטערעסירען מיט דער פֿראַגע; גלייך ווי זי וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געוועזען!

טאָמער הויבט מען אָן צו קלערען אין אַ שטאָדט עפּעס צו טהון פֿאַר דער ערציהונג, איז די איינציגע פֿראַגע וועגען עפֿנען

א תלמוד תורה פֿאַר די אָרימע קינדער, פּונקט ווי די בעלי בתּישע און גבירישע קינדער זענען שוין בעזאָרגט מיט ריכטיגע שולען און ווערען ערצויגען ווי עס דאַרף צו זיין...

און אונזער פּרעסע, וועלכע איז בלויז פֿערנומען מיט „ווי־בּאָרעס", „באָמבעס", „רעוואָלוציעס" און „פּאַרטייען", שענקט פֿון דעסטוועגען אַ שטיקעל אָרט פֿאַר'ן טעאַטער, שרייבט וועגען אַר־טיסטען און אַרטיסטקעס. דאָס טהוט זי כּלומרשט לשם שמים... ווייל דאָס טעאַטער איז אַנ'ערציהונגס־אַנשטאַלט פֿאַר'ן פֿאָלק. זי געפֿינט אָבער ניט פֿאַר נויטיג צו שענקען אַמאָל אַ שטיקעל אָרט און שרייבען אַמאָל אַ פּאָר ווערטעלע וועגען דער ערציהונג גופא. זי פֿרעגט זיך גאָרניט, צי עס וואָלט אפשר גלייכער געווען, אַז אונ־זער פֿאָלק זאָל זיך ערציהען קינדווייז אין שולע, איידער וואַרטען עס זאָל זיך ערציהען ערוואַקסענערהייד אין טעאַטער?...

און טאָמער פּרובירט ביי אונז איינער שרייבען איבער דער ערציהונג, לאָכט איהם די פּרעסע אויס, און קוקט אויף אַזאַ שריי־בער ווי אויף אַ בטלן, וועלכער פֿערנעהמט זיך מיט אַזעלכע קליי־ניגקייטען, ווי זי רופֿט עס אָן; „מיט חדרים מתוקנים"... קיין גרע־סערען בעגריף איבער ערציהונג ווי „חדרים מתוקנים", ווייזט אויס, האָבען ניט די פֿאָרשטעהער פֿון אונזער פּרעסע...

מיר ווילען גאָרנישט וויסען, אַז עס איז שוין לאַנג אַוועק די גאָלדענע צייט, ווען די גאַנצע ערציהונגס־פֿראַגע האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם קורצען וואונש: „מְגַדל זיין דאָס קינד לתּורה, לחופּה ולמעשים טובים", וואָס איז דאַןווירקליך זעהר לייכט געווען צו ערריכען.

וואָס פֿאַר אַ זאָרג, למשל, האָט אַ ייד אַמאָל געהאַט צו מְגַדֵל זיין זוהן „לַתּוֹרָה"?

באַלד ווי דאָס קינד איז אַלט געוואָרען 5 יאָהר, זענען צעהנ־דליגער מלמדים געקומען צו איהם אין שטוב פֿאָרלעגען זייער

„דינעסט" צו לערנען דאָס קינד תורה. וועלכער טאַטע האָט געוואוסט פון „פּאַדגאָטאָוועקעס", „פּראָצענטען", „עקזאַמענס", „יעדיניצעס", „זאַדאַטשעס", „יאַטיען" און נאָך אַזעלכע צרות?...

אַ האָר ניט שווערער איז אָנגעקומען דעם טאַטען צו ברענגען זיין קינד צו דער צווייטער שטופע פון ענטוויקלונג, ד. ה. „לחופה".

ווי דאָס יינגעל איז אַלט געוואָרען 15–16 יאָהר, האָט זיך שוין מקדים געוועזען אַ שדכן, וועלכער האָט ערינערט דעם טאַטען דעם פסוק „לא טוב היות האָדם לבדו"... ד. ה. עס איז ניט גוט פאַר'ן „מענשען" צו זיין אַליין... און מען האָט טאַקי דאָס יינגעל באַלד מזווג געוועזען מיט אַ יידישע טאָכטער, אַ בעל-הבתיש קינד, און דאָס יינגעל איז אַריבער מיט מזל צו שווער און שוויגער אויף עביגע קעסט...

קיין גרויסע זאָרג האָבען שוין דעריבער די עלטערען ניט געהאַט וועגען די מעשים טובים פון זייער קינד!... שטעלט אייך פאָר, ווען אַ יינגעל ווערט געהאָלפען צו 15 יאָהר מיט אַ ווייב... מיט שווער און שוויגער... מיט עביגע קעסט... קאָן ער דען קומען צו „מעשים רעים?...

אָט אַזוי האָבען אונזערע גליקליכע זיידעס גאָר ניט געוואוסט, און האָבען ווירקליך גאָר ניט נייטיג געהאַט צו וויסען, אַז עס עקזיסטירט אויף דער וועלט אַזאַ מין פראַגע, וועלכע הייסט ערציהונגס-פראַגע.

צו אונזער גרעסטען בעדויערען אָבער, זענען מיר אין דער בעציהונג ניט ווייטער געקומען פאַר אונזערע זיידעס... מיר ווייסען אויך ניט, אַז עס איז דאָ אַ פראַגע וועגען ערציהונג...

די צייטען אָבער האָבען זיך געביטען, און מיט זיי האָט זיך אויך געענדערט די אָרדנונג אין לעבען!

ווען מיר ווילען היינט ערדרייבען דעם קליינעם, גאַנץ-אונשולדיגען וואונש, ווי „מגדל זיין אונזערע קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים", בעגעגענען מיר זעהר פיעל שוועריגקייטען,

און גאנץ אָפט איז דער וואונש כּלל ניט ערדייכּבאר.

און מיר שטעלען זיך טאקי אָב באלד בײַ׳ם אלף, בײַ דעם „לתורה״!

דאָס ביסעל תּורה, וואָס אונזערע קינדער קאָנען בעקומען אין דעם אלטען פערשימעלטען חדר, בעפרידיגט אונז בײַ היינטיגער צייט כּלל וכלל נישט. דאָס ביסעל „חֵדֶר־תּוֹרָה״ קאָן ניט נאָר ניט ברענגען אונזערע קינדער צו א שטיקעל תּכלית אין לעבען, זיי זאָלען ווערען זעלבסטשטענדיגע מענשען, און זײַן „ראוי לחוּפּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים״ (מיר מיינען געוועהנליך אָהן א שווער מיט אייביגע קעסט...) נאָר אפילו איינצופלאנצען דאָס ביסעל ידישקייט בײַ די קינדער איז זי אויך ניט אומשטאנד.

בלייבט דאָך טאקי א פראגע, וואָס זאָלען מיר טהון מיט אונזערע קינדער? ווי אזוי קאָנען מיר זיי מאכען פאר שטיקלעך מענשען און זיי זאָלען גלייכצייטיג בלייבען ידען, האָטש אזוי ווייט זיי זאָלען ניט ווערען קיין שׂונאי ישׂראל, אסימילאטאָרען, זיי זאָלען ניט לאבען פון אלץ וואָס טראָגט א ידישען כאראקטער און זאָלען זיך ניט שעמען מיט׳ן נאָמען ייד?...

אייך די אָרטאָדאָקסען, די חסידים, וועלכע האלטען זייערע קינדער איינגעשפארט צו היזע אָדער אין חדר בײַ די מלמדים ביז דער סאמע חתונה, קאָנען אייך נישט זיכער זאָגען, אז זייערע קינדער וועלען ווירקליך בלײַבען ידען, ווײַל נישט עביג בלייבען זייערע קינדער „חדר יונגלעך״, זיי מוזען אייך אמאָל אריבערגעהן פון „חדר״ אין א גאנץ נייער שורע, אין דער „שולע פון לעבען״ און קומען בְּמַגָּע וּמַשָּׂא מיט א גאנץ נייער סְבִיבה. וועלכע צושטערט אין איין מינוט די שוואכע אייף הינערשע פּיסלעך געבויטע געביידע, וועלכע זייערע עלטערען האבען מיט מיה געבויט...

ניט מיט פינסטערניש און עם הארצות וועלען די אָרטאָדאָקסען איינהאלטען די ידישקייט בײַ זייערע קינדער! דאָס האָבען בעשטעטיגט אונזערע חכמים מיט די ווערטער: „לא עַם הָאָרֶץ חָסִיד״.

און דאָס ווייזט אונז אויף יעדער טריט די פּראַקטיק. וואו איז נאָך אַזוי פיעל פּינסטערניש, אַזוי פיעל עם הארצות ווי אין פּוילען? דאָך און טאַקי נאָר צוליעב דעם האָבען מיר ניט ערגעץ אַזוי פיעל יידען אַסימילאַטאָרען, יידען שונאי ישראל, וויפיעל אין פּוילען!...

אַ פּוילישער ייד, אַ חסיד בן חסיד, אַן עם הארץ בן עם הארץ, דאַרף נאָר געשטראָפט ווערען פון זיין ליעבען נאָמען מיט אַ פּאָר מאָל הונדערט טויזענד רובל, אַזוי וואַרפט ער באַלד אַראָב דעם גאַרטעל און ווערט אַ „דייטש", אַ „בן דת משה" רחמנא ליצלן... (האָטש ער האָט ניט וועגען דעם „דת משה" דעם מינדסטען בעגריעף...) אַ פּאָר יאָהר קאָן ער נאָך שטעהן שבת אין דער דייטשישער שוהל אַלס גבאי און טייטלען אין דער תורה (אויב ער קאָן צופעליג עברי)... און קיינער הערט ניט און קיינער זעהט ניט ווי ער שמד'ט זיך גאָר צו אין אַ העלען מיטיאָך און ווערט דער גרעסטער שונא ישראל...

דעריבער איז זעהר פאַלש די האָפנונג פון די עלטערען אָרטאָדאָקסען, וועלכע זאָגען: „וואָס געהט עס מיך אָן? דאַרף איך דען דאַגה'ן פאַר כלל ישראל? לאָזען זיך אַלע יידען פון מיינטוועגען אויסשמד'ען, אַבי מיינע קינדער וועלען בלייבען יידען"! — ווען די יידישקייט האַלט אין פאַלען ביי איינציגע קלאַסען פון די פאָלקסשיכטען, דאַן פערשפּרייט זיך נאַטירליכערווייזע אַ געפאַהר אויף אַלע איבעריגע קלאַסען פון פאָלק, פּונקט ווי די גאַנצע שיף איז אין געפאַהר, דאַן ווען עס קלייבט זיך אַריין וואַסער בלויז אין איין ווינקעל פון שיף!...

מיר מוזען זיך דעריבער אַלע מיט אַלגעמיינע כחות אַ נעהם טהון צו בויען אַ ריכטיגען און געזונדען ערציהונגס־אַנשטאַלט פאַר אונזערע קינדער, וואו זיי זאָלען סיסטעמאַטיש און רעגעלמעסיג ענטוויקלען זייערע פעהיגקייטען פיזיש און גייסטיג, וואו זיי זאָלען זיך ערציהען און אויסוואַקסען זעלבסטשטענדיגע מענשען און אמת'ע יידען!

און דאָס קאָן געשעהן, ווי מיר האָבען שוין בעוויזען אין אונזער פריגען ארטיקעל, נאָר דאַן, ווען מיר וועלען אַרויסנעהמען די שולע פון רשות-היחיד און אריינבריינגען אין רשות הרבים:

מיר ווענדען זיך דעריבער צו אונזערע לעזער, זיי זאָלען זיך ניט בעגנוגנען בלויז מיט'ן לעזען די אַרטיקלען איבער ערציהונג, נאָר זיי זאָלען אָנפאַנגען מעורר זיין דעם עולם צו אַרבייטען אין דער בעציהונג, אָבהאַלטען אין יעדער שטאָדט לעגאַליזירטע פער-זאַמלונגען, פאָרלעזען פאַר דער אַסיפה אונזער פראָיעקט און בע-טראַכטען מיטעל, ווי אַזוי מען זאָל די זאַך מוציא זיין מכח אֶל הפועל. *)

הויפטזעכליך ווענדען מיר זיך צו די בעסערע לעהרער, וועל-כע פיהלען און וויסען ווי נידריג, ווי שלעכט עס איז ביי אונז אוועקגעשטעלט די ערציהונג פון אונזערע קינדער, זיי זאָלען זיך ענערגיש נעהמען צו דער דאָזיגער הייליגער אַרבייט, וועלכע פיהרט צו בעגייען די קרעפטען פון דעם „דור הבא" דורך אַ רעגעלמעסי-גער ערציהונג, און דורך דעם וועלען זיי גרייכצייטיג פערבעסערן די לאַגע פון דעם ערציהער גופא.

---

*) וועגען די רעזולטאַטען פון אַזעלכע אַסיפות, ווי אויך וועגען פערשיע-דענע פראָיעקטען, וואָס איינער האָט וועגען דעם, בעטען מיר צו מעלדען אונז אויף דער אַדרעס פון אונזער רעדאַקציע.

5.

וואָס פֿאַר אַ שולען דאַרפֿען מיר בויען?

איידער מיר וועלען רעדען וועגען די שולען, וואָס מיר האָ=
בען נויטיג, מוזען מיר פֿריהער גענויער בעטראַכטען, וואָס גיבען
אונז די שולען אונזערע, וועלכע מיר האָבען.

מיר פֿערמאָגען איינענטליך שולען פֿון פֿינף פֿערשידענע
טיפּען, דאָס זענען: 1) חדרים, 2) תלמוד תורה'ס, 3) ישיבות.
4) פּריוואַטע עלעמענטאַר שולען און 5) קאַזאָנע עלעמענטאַר שולען.

אין בעסטען פֿאַל, ווען די אַלע שולען זאָלען זיין גוט אוועק=
געשטעלט, קאָנען אונזערע קינדער פֿון זיי אַרויסטראָגען נאָר עלע=
מענטאַרע וויסענשאַפֿט סיי אין יידישע סיי אין וועלטליכע למודים.

קיין אַנדערע, אַביסעל העכערע שולען, וועלכע זאָלען קאָ=
בען געבען אונזערע קינדער בילדונג אין אַ קורס פֿון אַ מיטעל שולע,
האָבען מיר ניט קיין איינענע. ווער עס וויל זיין קינד זאָל געניסען
מיטעלע בילדונג, מוז שוין אָנקומען צו די גוי'שע שולען, דאָרט
וואו עס איז וועגען יידישע למודים קיין זכר ניטאָ, און אונזערע
קינדער ווערען פֿרעמד ניט נאָר פֿון חכמת ישראל, נאָר אַפֿילו פֿון
יידישקייט און יודענטום.

אַפֿילו די קינדער, וועלכע האָבען ביז'ן אַריינטרעטען אין גימ=
נאַזיע געלערענט העברעאיש אין אַ חדר מתוקן און האָבען ווירקליך,
לויט זייער אַלטער, געמאַכט פֿאָרטשריטע אין די העברעאישע
למודים, אָבער אָבזיצענדיג אַכט, ניין יאָהר אויף די בענקלעך פֿון גימ=
נאַזיום, וואו זיי קאָנען ניט פֿאָרטזעצען די יידישע למודים, פֿער=
געסען זיי אַם מיינסטען דאָס ביסעל תורה, וואָס זיי האָבען געלערענט
אין דער קינדהייט אין חדר, אָדער ביים בעסטען פֿאַל, ווען זיי
לערנען נאָך צו הויזע העברעאיש, ווערענד זיי בעזוכען דאָס גימנאַ=

זיום, קומען זיי אלערהעכסטענס צו דער מדרגה, וואס זיי פערגעסען נישט דאס ביסעל תורה פון חדר און בלייבען אלץ נישט מעהר, ווי ביי עלעמענטארע ידיעות אין די יידישע למודים. אזא ערשיינונג, ווי בעזיצען אלע אנדערע געגענשטענדען אין דער מאס פון א מיטעל-שולע און אייגענע למודים בלויז אין דער מאס פון אן עלעמענטאר-שולע איז געווים זעהר ניט נארמאל. אויסער דעם גיבט עס אזעלכע זעהר וועניג.

די קינדער פון די ארטאדאקסען, וועלכע לערנען ניט אין די גימנאזיעס, אדער די ארעמע קינדער, וועלכע קאנען זיך ניט צושלאגען צו א גימנאזיע, ניט האבענדיג קיין אייגענע מיטעל-שולע, בלייבען אויך אין די יידישע למודים ניט מעהר ווי ביי עלעמענטארע ידיעות, און אלגעמיינע בילדונג בעקומען זיי גארניט.

ביי דעם צושטאנד קאנען מיר קיינמאל ניט ערווארטען, אז די יידישע למודים זאלען זיך ביי אונז פערשפרייטען אביסעל ברייטער פונ'ם עלעמענטארען רעמעל, און מיר קאנען האפען, אז גאר אין גיכען וועלען מיר קומען צו אזא מדרגה, דאס דער ייד, וואס וועט קאנען אביסעל תנ"ך און וועט פערשטעהן אביסעל פירוש המלות אין דאוונען, וועט ביי אונז הייסען „גאון", „חריף ובקי", „צנא מלא ספרא" און אזוי ווייטער...

דא וועלען אונז געווים אייניגע אבשטעלען מיט א שאלה: „מיר האבען דאך פערצייטען אויך ניט געהאט קיין מיטער שולען, פונדעסטוועגען האבען זיך ביי אונז געפונען יידען גרויסע לומדים, אפילו גאונים?".

אויף דעם וועלען מיר זיי ענטפערען, אז זיי האבען א שטיקעל טעות, ווייל פערצייטען האבען די יידען ווירקליך געהאט אייגענע מיטעל שולען, וועלכע זענען געוועהנליך געווען אוועקגעשטעלט נאך דער פאדערונג פון זייער צייט. דאס זענען די געוועזענע ישיבות, ווי די וואלאזשינער, מירער און פיעל אנדערע.. דארט האט אונזער יוגענד געלערענט ביז 20 אדער ביז 25 יאהרי-

נען אַלטער בלויז יידישע למודים אונטער דער ריכטונג פון די פער־
צייטיגע גרויסע רבנים, און אויף אַזאַ אופן האָבען די ישיבות פאָר־
געשטעלט, אויב נישט קיין העכערע שולע פאַר יידישע למודים,
אַם וועניגסטען אַ מיטעל שולע.

און ווייל אין יענע צייטען האָט יעדער ייד געשטרעבט צו
מאַכען זיין קינד פאַר אַ רב, האָבען דעריבער אַלע יידישע קינדער
געלערענט ביז דער חתונה ש"ס און פוסקים, אַפילו די, וואָס האָ־
בען נישט געהאַט די מעגליכקייט צו לערנען אין אַ ישיבה. דערי־
בער איז קיין וואונדער נישט, וואָס דאָס רוב יידען זענען געווען
לומדים, און עס איז אויך קיין וואונדער נישט, וואָס צווישען אַזוי
פיעל לומדים האָבען זיך אַבגעזונדערט אַ טייל גאונים און גרויסע יידישע
משכילים, ווי אַ יצחק בער לעווענזאָהן און אַנדערע.

היינט ליידער זענען שוין די אַ ל ט ע אינסטיטוציעס אַבגעשטאָר־
בען. מיר בעטאָנען דאָס וואָרט „אַלטע", ווייל מיר מיינען, אַז
דער טויט איז זיי געקומען נאָר צוליעב זייער „עלטער", ווייל זייערע
יאָהרען האָבען זיך געענדיגט, זיי האָבען אַבגעלעבט זייער צייט און
האָבען פערלאָרען זייער גאַנצען כח החיוני, ביז די נשמה איז
אַרויס... וואָלטען זיי געווען לעבענספעהיג, וואָלטען זיי געווים עק־
זיסטירט ביז היינטיגען טאָג...

די אַלטע יידישע ערציהונגס־אינסטיטוציעס זענען אַבגעשטאָר־
בען, און קיין נייע אַנשטאַלטען, וועלכע זאָלען זיי פערבייטען,
נאָכ'ן גייסט און פאָדערונג פון אונזער צייט, האָבען מיר נאָך, צו
אונזער בעדויערען, ביז היינטיגען טאָג נישט אויפגעשטעלט. די עַם
הָאֲרָצוּת וואַקסט ביי אונז פון דור צו דור ווי אויף הייוועז, און
אויב מיר וועלען זיין נאָך אַביסעל נאַכלעסיג און מיר וועלען נישט
אָנווענדען אַלע אונזערע כחות צו פערריכטען די זאַך, וועלען מיר
געווים קומען אין גיכען צו דער מדרגה פון „עֲזִיבָה תּוֹרָה שֶׁתִּשְׁתַּכַּח
מִיִּשְׂרָאֵל", ד. ה. די יידישע תורה, ליטעראַטור און קולטור זאָל אין
גאַנצען פערגעסען ווערען ביי יידען!

און די צײַט איז שוין גאָר נישט ווײַט! גענוג איז מיר זאָלען אײַן קוק טהון אויפ'ן ליטעראַרישען מאַרק, וועלען מיר זיך באַלד אָן דעם איבערצײַגען.

פאַרוואָס האָבען בײַ אונז אויפגעהערט צו עקזיסטירען העבּ=רעאישע צײַטונגען? — ניט ווי אַנדערע מײנען, ווײַל דער זשאַרגאָן האָט זיי אַרויסגעשטופּט, נאָר ווײַל די צאָהל לעזער, וועלכע פער=שטעהט העבּרעאיש איז זעהר קליין, און בײַ אַזאַ צאָהל לעזער קאָן אַ צײַטונג נישט עקזיסטירען. דאָס זעלבע איז אויך מיט ניט פער=יאָדישע אויסגאַבען. פּרובירט ווער אַרויסגעבען עטוואָס אין העבּ=רעאישען, מעג עס זײַן דאָס בעסטע, בלײַבּט עס ליגען ווי אַ שטײן, ווײַל מיר האָבען ניט קיין לעזער פון דער העברעאישער שפּראַך. אָט צו וואָס פאַר אַ מדרגה מיר זענען שוין געקומען דורך אונזער נאַכלעסיגקײַט.

און טאָמער זענען מיר די לעצטע עטליכע יאָהר געקומען דורך די נײַע בעוועגונגען צו אביסעל בעוואוסטזיניגקײַט, האָבען מיר זיך אָבער אַרײַנגעקראָזען אין עולמות עליונים, אַראָבצוחאַפּען דאָס טעלערעל פון הימעל... און מיט אַזעלכע קלײניגקײַטען, ווי קינדער=ערציהונג, לוינט גאָר קײנעם נישט צו בעשעפטיגען זיך... די וואַרטען ביז „חוץ=לאָרץ" וועט ווערען אַ מין „ארץ ישראל"... אַנדערע וואַרטען אויף דעם „אמת'ן ארץ ישראל"... דער צד השוה איז, אַז וועגען יידישער קולטור איז פאָרלויפיג אסור לדבר... מיט דעם מוז מען וואַרטען, ביז עס וועט קומען אַ גאולה שלמה... עד שיבא אליהו... אי וואָס דאָס מוז אַ ביסעל דויערען, און ווען מען וועט וואַרטען ביז יענער צײַט, וועט מען שוין שלעפּען גויים אין ארץ ישראל, נישט קיין יידען... נאָר דאָס שאַדט גאָר נישט!... און אפשר איז דאָס גאָר אַ מעלה, ווײַל גויים קאָנען גיכער עפּעס אויפ=טהון ווי יידען...

און טאָמער האָבען אײניגע סוף כל סוף געכּשרט די קולטור=פראַגע, און מען האָט ווי ניט איז געפונען אַ היתר, אַז מען מעג

זיך יאָ מיט איהר בעשעפטיגען. איז מען יוצא מיט דעם, וואָס מען האָט בעשלאָסען צו גרינדען אין יפו אַ יידישע גימנאזיע, און מיט דער איינציגער יידישער גימנאזיע פון יפו וועלען שוין אַלע יידען אין גלות אויפגעריכט ווערען...

אָט אין אַזאַ צושטאַנד געפינען מיר זיך. מיר רעכענען אָבער, אַז עס איז שוין געקומען די העכסטע צייט, מיר זאָלען זיך אַרומקוקען, וואָס מיר האָבען צוטהון וועגען דער ערציהונג פון דעם דור הבא דאָ אין גלות!

מיר מוזען אָבער בעמערקען, דאָס מיר קומען דאָ ניט מעורר זיין דעם עולם בלויז צו געהן בויען ספּעציעלע שולען פאַר רבנים. געוויס זענען אונז אַזעלכע שולען אויך נויטיג, פּונקט ווי ביי אַלע פעלקער זענען דאָ ספּעציעלע שולען פאַר זייערע גייסטליכע, האָבען מיר יידען אויך נויטיג אַנשטאַלטען צו'ם ערציהען פאַר אונז גייסטליכע. נאָר אָבער נישט מיט ראַבינער־שולען אַליין קאָן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק געהאָלפען ווערען. דען וואָס וועלען קאָנען אויפטהון די גרעסטע און בעסטע רבנים, ווען זייער גאַנצער דור וועלען זיין עמי הארצים און וויים פון רוח היהדות? די פּראַקטיק ווייזט אונז, אַז די גבירים אַסימילאַטאָרען האָבען מעהר איינפלוס אויפ'ן פאָלק, ווי די גרעסטע רבנים, און וואָס פאַר אַ גוטס קאָן מען ערוואַרטען, ווען די ראָשי הקהל, די פּרנסי העדה, די טאָנגעבער, די דעה־זאָגער זענען עמי־הארצים?

דעריבער מוזען מיר קודם כל זוכען מיטעל ווי אַזוי צופערשפּרייטען דעם יידישען גייסט, די יידישע קולטור ביי'ם גאַנצען פאָלק און נאָכדעם ערשט, ווען מיר וועלען האָבען אַ יידישעס פאָלק, וועלען מיר זאָרגען פאַר איהם, דאָס ער זאָל האָבען פּאַסענדע גייסטליכע פאָרשטעהער.

— — — — — — — — — — — — — —

כדי צו עררייכען דעם געווינשטען ציעל, מוזען מיר גלייכצייטיג, ווי מיר געהען פעררייכטען די חדרים און אויסבעסערען די

עלעמענטאַר בילדונג בײַ אונזערע קינדער, איך זאָרגען וועגען עפֿענען ייִדישע מיטעל שולען, ייִדישע גימנאַזיעס, רעאַל און קאָמערצען=שולען, וואָס די לעצטע צײַט איז ניט שווער צו בעקומען אַנ׳ערלויבנים צום עפֿענען. און די גימנאַזיעס דאַרפֿען הייסען ייִדישע ניט בלויז, ווײַל זיי וועלען געעפֿענט ווערען דורך ייִדען, נאָר ווײַל אין זיי וועלען געלערענט ווערען ייִדישע למודים, וועלכע דאַרפֿען זיך רעכענען ניט אַלס רשות, נאָר אַלס חוב, דאָס יעדער שילער מוז דורכמאַכען די למודים לויט דעם צוזאַמענגעשטעלטען פּראָגראַם, אַנדערש קאָן ער ניט אַריבערגעהן אין אַ העכערען קלאַס, אָדער ענדיגען די שולע.

נאָר אויף אַזאַ אופֿן קאָנען מיר פֿערשפּרייטען די ייִדישע ליטעראַטור און קולטור בײַ׳ם גאַנצען פֿאָלק.

און אַזעלכע ייִדישע מיטעל=שולען קאָנען געעפֿענט ווערען אין אַלע שטעדט, וואו עס געפֿינען זיך אַ 300 ייִדישע קינדער פֿון 10 ביז 15 יאָהריגען עלטער, וואָס זייערע עלטערען קאָנען צאָהלען שול=געלד. געוועהנליך איז מען נישט מחויב צו עפֿענען באַלד אַלע קלאַסען. פּראַקטישער און עקאָנאָמישען און פּעדאַגאָגישען זין איז צו עפֿענען צוערשט אַ פֿאָרבערייטונגס קלאַס און די ערשטע דרײַ קלאַסען. די אַלע קלאַסען אָבער קאָנען געעפֿענט ווערען מיט פּאַראַלעל קלאַסען, לויט דער צאָהל שילער, וועלכע האָבען זיך אָנגעמעלדעט צום אַרײַנטרעטען אין יעדער קלאַס. ווען מיר האָבען 120 שילער פֿאַר דער פֿאָרבערייטונגס קלאַס, דאַן עפֿענען מיר דרײַ אַזעלכע פּאַראַלעל קלאַסען, צו 40 שילער אין אַ קלאַס. פֿאַר דער ערשטער קלאַס, למשל, האָבען מיר פֿון 80 ביז 90 שילער, עפֿענען מיר פֿאַר זיי צוויי אַבטיילונגען פֿון דער ערשטער קלאַס. און אַזוי ווײַטער.

ווען יעדער קלאַס זאָל האָבען בײַ׳ם עפֿענען צוויי אַבטיילונגען, האָבען מיר דאַן צוזאַמען מיט די צוויי אַבטיילונגען פֿון דער פֿאָרבערייטונגס=קלאַס 8 קלאַסען, יעדע קלאַס ענטהאַלט אין זיך 40

שילער, האָבען מיר דעריבער אין אלגעמיין 320 שילער. אויב מיר וועלען אוועקשטעלען די צאָהלונג פון א שילער 100 רובל יעהרליך, וואס דאָס איז גאַנץ מעסיג, וועהרענד דער פאָטער וועט שוין ניט נויטיג האָבען צו האַלטען פאר'ן קינד צו הויזע א העברעאישען לעה־רער, האָט די שולע אויף אַזאַ אופן א יעהרליכע הכנסה פון 32,000 רובל, און מיט דיזער הכנסה קאָן מען זעהר שען אויסהאַלטען די קלאַסען, וועלכע מיר האָבען גערעכענט. געוועהנליך וועט די הוצאה פון דער־שולע מיט יעדען יאָהר גרעסער ווערען, ביז עס וועלען זיך עפענען אַלע 7 אָדער 8 קלאַסען, דאַן אָבער וועט דאָך אויך די הכנסה גרעסער ווערען, ווארום יעדע העכערע קלאַס וועט דאָך אריינברענגען נאָך 4000 רובל א יאָהר, ווען מיר וועלען ביי די שילער פון די העכערע קלאַסען אויך נישט נעהמען מעהר אַלס 100 רובל א יאָהר. ווען אָבער מיר וועלען פאר זיי העכערען די שול־געלד און בעשטימען 150 רובל א יאָהר, אַזוי ווי מען צאָהלט אין אַלע האַנדעלס־שולען, אָדער אין די פריוואַטע גימנאַזיעס און רעאַל שולען, דאַן וועט יעדער קלאַס געבען 6000 רובל א יאָהר.

געוועהנליך קאָן מען ניטיג האָבען ביי'ם עפענען די שולע איינינע טויזענד רובל אויף דער איינריכטונג. דעם קאַפּיטאַל קאָן מען אייך אין יעדער שטאָדט צוזאַמענשטעלען פון נדבות, אָדער פון קהל'שע פונדושען, ווי פון קאָראָבאָטשני סבאָר אין די רוסישע שטעדט, אָדער פון דעם עטאַט אין די פּאָלנישע שטעדט.

אלענפאלס גלייבען מיר, אז די נייטיגקייט פון א קהל'שע יודישע מיטעל־שולע אין א יודישע שטאָדט איז ניט קלענער פון א קהל'שע מקוה, אָדער א הקדש, צו אַפילו א שפיטאָל, און אַנדערע אַזעלכע אינסטיטוטען, וועלכע גרינדען זיך אין יעדער שטאָדט אויף קהל'שע הוצאות.

די רעזולטאַטען פון אַזעלכע מיטעל־שולען וועלען זיין זעהר גרויס. ווען א יונגעל וועט אריינטרעטען אין דער שולע צו 10 יאָה־ריגען עלטער מיט א געוויסע פאָרבערייטונג אין די יודישע למודים

און וועט סיסטעמאַטיש פֿאָרטזעצען די למודים גאַנצע 8 יאָהר, קאָן ער זעהר ווייט קומען אין דער אַלטער און נייער יידישער ליטעראַטור, אין דער יידישער געשיכטע און אַנדערע יידישע למודים, און מיר וועלען קאָנען ערוואַרטען, דאָס דער דור הבא וועט אויפֿוואַקסען אַ דור דעה, אַ דור פֿון תורה און וויסענשאַפֿט מיט אַ געזונדע און ריכטיגע ערציהונג.

מיר מוזען נאָך בעמערקען, אַז די מיטעל שולען וועלען אויך רעגולירען און ברענגען אין אָרדנונג די חדרים און אַלע איבעריגע יידישע עלעמענטאַר שולען, ווייל די לעצטע וועלען זיך קאָנען ריכטען נאָכ'ן פּראָגראַם פֿון די מיטעל שולען און וועלען זיך אַוועקשטעלען אַלס פֿאָרבערייטונגס-שולען צו דער מיטעל שולע.

סיי די מלמדים, סיי די עלטערען, וועלען דאַמאָלט וויסען, אַז ניט דער „חדר“ קאָן און דאַרף געבען דעם קינד אַ פֿאָלשטענדיג פֿערענדיגטע יידישע בילדונג, לא על „החדר“ את המלאכה לגמור, און מען וועט אויפֿהערען צו בעלעסטיגען די קינדער אין „חדר“ איבער די קרעפֿטען און שטרעבען צו אויסלערנען זיי נאָך גאָר אין די ערשטע קינדער-יאָהרען, כולה תורה על רגל אחת... וואָס דאָס איז אייגענטליך די הויפּט סבה פֿון אַלע אונאָרדנונג און נישט נאָרמאַליטעט אין אונזער „חדר“.

נאָך זעהר אַ וויכטיגע מעלה האָט די מיטעל שולע, וואָס עס קאָן נישט געעפֿענט ווערען פֿאַר אַלע 10 אָדער 15 שילער אַ בעזונדער שולע, ווי די חדרים להבדיל. און אויף אַזאַ אופֿן וועלען זיך די יידישע עלטערען צוגעוואוינען איינצוריכטען שולען גרויסע פֿאַר עטליכע הונדערט שילער אויך פֿאַר דער עלעמענטאַרער בילדונג, און די הונדערטער קליינע חדרים און פּריוואַט שולען, וועלען זיך פֿערוואַנדלען אין יעדער שטאָדט אין איינע אַ גרויסע, אַלגעמיינע קהל'שע שולע, און די ערציהונג וועט סוף כל סוף אַריבערגעהן פֿון רשות היחיד אין רשות הרבים!

UNIVERSITY OF MICHIGAN
3 9015 03289 4126

וייטער יאהרגאנג 1908

אילוסטרירטעס וואכענבלאט פאר ליטעראטור, קונסט און וויסענשאפט

צוויי גרויסע פרעמיעס: 1) אלע ווערק פון ה. ד. נאמבערג אין 4 בענדער (אין איינצעל פערקויף 2 רובל); 2) א פרעמדווערטערבוך, צוזאמענגעשטעלט פון א. ב. ראזענשטיין (אין איינצעל-פערקויף 1 רובל).

אבאנאמענטס-פרייז פון „ראמאנצייטונג" מיט ביידע פרעמיעס:

6 רובל א יאהר; 3 רובל א האלב יאהר; 1,50 א פיערטעל יאהר.

קאמפלעטען פון ערשטען יאהרגאנג 1907 (№№ 1—34) קאן מען בעקאמען פאר 3,50 ר' א קאמפלעט, מיט א פראכטפולען באנד פאר 4,50 ר'.

„РОМАНЪ-ЦЕЙТУНГЪ", Варшава, Долгая 11.—Тел. 90-87.
„ROMAN-ZEITUNG", Warszawa, Długa 11.—Telefon 90-78.

גאנצע קאמפלעטען

„ראמאן-צייטונג"

ערשטער יאהרגאנג פון נומער 1 ביז 34

איז צו בעקומען אין רעדאקציע פאר 3 רובל 50 ק'.

געבונדען אין א פראכטבאנד 4 רובל 50 קאפ'.

בוכהענדלער און אגענטען ראבאט.

א קאמפלעט „ראמאנצייטונג". וועלכער ענטהאלט אין זיך זעהר פיעל שענע ליטעראטור, קורצע געשליפענע נאוועלען, סקיצען און ערצעהלונגען, דראמען און ראמאנען פון די בעסטע יידישע און איירָאפעאישע שריפטשטעלער, מיט פיעל קונסטבילדער פון די גרעסטע וועלט-בעריהמטע מאלער, ביאגראפיעס פון בעריהמטע לייט מיט זייערע פארטרעטען, וויסענשאפטליכע ארטיקלען, פעליעטאנען, לידער און נאטען, רעצענזיעס וועגען די נייסטע ליטעראַרישע שעפפונגען, אינטערעסאנטע קלייניגקייטען מיט פאטאגראפישע אבבילדונגען און הומאר, געבונדען אלס שענער אלבאם, — קאן דיענען אלס בעסטע און שענסטע ציהרונג ביי יעדער יידישע פאמיליע אין זאל אויפ'ן טיש, קאן בענוצט ווערען אלס שענער און העכסט אינטערעסאנטער (גלייכצייטיג זעהר ביליגער) פרעזענט צו געבורטסטאגע, האכצייטען, פייערטאגע און אנדערע געלעגענהייטען, קאן אויך דיענען אלס אינטערעסאנטעסטעס לעזע-בוך אין די ווארטע-זאלען ביי דאקטוירים, יוריסטען, דאנטיסטען און מאדיסטינס.

Контора Редакціи „РОМАНЦЕЙТУНГЪ"
Варшава, Долгая 11.

פערלאג „ביכער פאר אלע“.

עס דרוקט זיך:

דער בעריהמטער ראמאן

פון דער ענגלישער שרייבערין

מאריע קארעלי

די אייביגע מאכט

די געשיכטע פון

א וואונדערבארער רעוואלוציע.

דער ראמאן איז איבערגעזעצט געווארען אין אלע אייראָ-פּעאישע שפּראַכען און איז שטארק בעריהמט אין דער גאנצער אייראָפּעאישער ליטעראטור.

אין איהם ווערט געשילדערט די געשיכטע פון א קעניג און זיין פאלק; דאס פערשלאַכטענע און געהיימע הייף-לעבען, די אינ-טריגעס פון די נישט ערהרליכע מיניסטארען, וועלכע מאכען אונ-גליקליך דאס לאנד צוליעב אייגענע אינטערעסען, די פינסטערע קניִהערס פון דער הויפּט-שטאדט, און וועלכע די אמת'ע ליעבהא-בער פון פאלק וועבען א נקמה פאר די פאלקס-פיינד, די פאלקס-סימפּאַטיגען און פערזאמלונגען, וועלכע ברעכען ביכלעכווייז אויס אין א פארם פון א רעוואלוציע א. ז. וו. א. ז. וו.

„די אייביגע מאכט“ וועט ערשיינען העפטענווייז, יעדע וואך א העפט. יעדע העפט וועט ענטהאלטען גרויסע 32 זייטען און וועט קאסטען נאר 6 קאפּ.

Издательство „БИХЕРЪ-ФАРЪ-АЛЭ“, Варшаса,

Долгая 11.—Телефонъ 90-87.